Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

Najer Folksblat

פּרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 39 (1032) | Łódź, Wtorek 15, Lutego 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאָדז, דינסטאג יג אדר א תרפ"ז. | Nr. 39 (1032)

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71

מאַרשאַל פּילסודסקי אין סיים.

דיסקוסיע איבער׳ן עקספּאָזע פון וויצע-פּרעמיער באַרטעל. — אנגענומען אין דער 3. לעזונג דעם בודזשעט.— פּרעמיער מאַרשאַל פּילסודסקי לייקענט אָפּ די הלאַנגעז וועגען קאָנפליקט מיט׳ן סיים און פונאנדערלאָזען איהם. — יודישע „קאָלא“ בעשלאָסען צו שטימען געגען אונצוטרוי-וואָטום פאַר וויצע-פּרעמיער באַרטעל.

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די היינטיגע זיצונג פון סיים האָט געזאָלט פאַרקומען מיט גרויס פּאַראַד, איז אָבער פאַרגעקומען אין אַ העכסט אָנגעשטרענגטער שטימונג. ס׳איז בעוואוסט געוואָרען, אַז די רעגירונג האָט בעשלאָסען נישט צו ציהען קיין קאָנסעקווענצען פון דער לעצטער אָפּשטימונג און נישט צו פאָדערען ווידער אַנצונעהמען די געשטראָכענע פּאָזיציעס.

די זיצונג פון דער

בודזשעט-קאָמיסיע

האָט געזאָלט פאָרקומען צום 2. מאָל דריי פירטעל אויף 2, כדי אויסצוהערען די פאָרשלאָגען פון דער רעגירונג. דער פאָרזיצער האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט נישט מאַכען קיין שום פאָרשלאָגען און די זיצונג פון דער קאָמיסיע איז דעריבער נישט פאָרגעקומען.

אין סיים האָט געהערשט אַ

נערוועזע שטימונג.

אַרום סיים איז געווען אַ גרויסע וואַך, די קולואַרען פון סיים זענען געווען פיל מיט געהיים-אַגענטען. אויף די מיניסטעריאַלע בענק האָבען אויף זיך גע צויגען די אויפמערקזאַמקייט 3 וויצע-מיניסטאָרען פון קריגס מיניסטעריום ס׳זענען אויך געווען אַנוועזענד זעהר פיל אָפיצירען און זשאַנדאַרמען, מצד דער רעגירונג זענען אַנוועזענד געווען נאַר די מיניסטאָרען פון אינערן און פון פאָסט.

די זיצונג עפענט דער וויצע-מאַרשאַלעק פון סיים דעפּ. דאַשינסקי. דער רעפערענט פון דער ביודזשעט-קאָמיסיע דעפּ. בירקא שטיצט די פאָרשלאָגען פון דער קאָמיסיע און דאַן הויבט זיך אָן די דיסקוסיע איבער דער עקספּאָזע פון וויצע-פּרעמיער באַרטעל.

דעפּ. גלאָמבינסקי (ז. נ. ל.) טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער רעדע און ערקלערט, אַז זיין קלוב וועט שטימען געגען בודזשעט.

דעפּ. יאַוואָראָווסקי (פּ.פּ.ס.) וואַרפט פאָר, אַז אין דעם געזעץ וועגען די וואַהלען צו די זעלבסטפערוואַלטונגען האָבען די מיטגלידער פון דער רעגירונג, די מיניסטאָרען מאָראַטשעווסקי און מאַרשאַל פּילסודסקי געבראָכען די פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע און ער פּראָטעסטירט געגען פערלעצען די רעכט פון דער דעמאָקראַטיע. אויך וויצע-פּרעמיער באַרטעל האָט רעדענדיג וועגען אַרבייטסלאָזיגקייט און יקירות גע זינדיגט געגען דער דעמאָקראַטיע.

דעפּ. קאַראַ (דייטשע פערייניגונג) טרעט אַרויס שאַרף געגען באַרטעל׳ס רעדע. זיין קלוב וועט שטימען געגען בודזשעט. שאַרף גרייפט אָן דעם וויצע-פּרעמיער באַרטעל גיטנער (כ. ד.) ער ערלויבט זיך אַנ׳אויסדרוק, אַז באַרטעל איז נישט געווען ביים פולען בעוואוסטזיין בעת ער האָט געהאַלטען זיין עקספּאָזע. דער וויצע מאַרשאַלעק דאַשינסקי שטעלט איהם נישט אָפּ נאָר מאַכט איהם אַ בעמערקונג, נאָך זיין רעדע אַז דער אויסדרוק איז נישט פּאַרלאַמענטאַריש. שאַרף טרעט אויך אַרויס דעפּ. מאַלינאָווסקי (וויזוואָלעניע) וועלכער דריקט אויס אונצוטרוי די מיניסטאָרען פון יוסטיץ און פאָסט, נאָכדעם ווי ס׳רעדט נאָך דעפּ. קאָוועצקי ווערט די דיסקוסיע איבערגעריסען און נאָכדעם ווי דעפּ סאָכאַצקי (קאָמוניסט) טראָגט אַריין אַ פאָרשלאָג וועגען אויסדריקען אונצוטרוי דער רעגירונג ווערט ערקלערט

אַ הפסקה.

בעת דער הפסקה איז מיט אַמאָל אין סיים ענטשטאַנען אַ גערודער, און אַ געלויף, פון אַלע זייטען האָט מען זיך אָנגעהויבען שושקען. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין סיים איז געקומען דער מאַרשאַלעק פּילסודסקי.

נאָך דער הפסקה איז מען צוגעטרעטען צו דער אָפּשטימונג פונ׳ם בודזשעט אין דער 3-טער לעזונג. דער בודזשעט איז אָנגענומען-געוואָרען מיט די אויסבעסערונגען פון דער בודזשעט-קאָמיסיע. בעת דער אָפּשטימונג האָט אין סיים געהערשט אַנ׳אָנגעשטרענגטע אָפּוואַרטענדע שטימונג. אין מיטען פון דער אָפּשטימונג איז אין סיים אַריינגעקומען דער פּרעמיער

מאַרשאַל פּילסודסקי.

ער געהט צו, צו דעפּ. דאַשינסקי רעדט מיט איהם ביי אַ טויטער שטילקייט אַ קורצע צייט און פערלאָזט דעם סיים. ס׳ווערט אַ גערויש, און דער סיים זעצט פאָר זיין אַרבייט. ס׳ווערט נאָך אויסגעוועהלט אַ קאָמיסיע צו קאָנטראָלירען פערשידענע אַמטען און די זיצונג ווערט געשלאָסען.

מצד׳ן יודישען קאָלאָ איז אין דער קאָמיסיע געוועהלט-געוואָרען דעפּ. זאָמערשטיין, וועלכער איז שפּעטער פון דער קאָמיסיע געשטימט-געוואָרען אַלס איהר פאָרזיצער.

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין די סיים-קולואַרען האָט מען איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון שמועס צווישען מאַרשאַל פּילסודסקי מיט דעפּ. דאַשינסקי אויף פאָלגענדען אופן: מאַרשאַל פּילסודסקי האָט געפרעגט צי ס׳איז איינגעפלאָסען אַ פאָרשלאָג וועגען אונצוטרוי פאַר דער רעגירונג. אויב אַזאַ פאָרשלאַג איז דאָ מצד די קאָמוניסטען וועט ער קיין וואָרט נישט נעהמען, אויב פון אַנ׳אַנדערע סיים פראַקציע וועט דער מאַרשאַלעק אַרויסטרעטען. און אַזוי ווי אַזאַ פאַרשלאַג איז געווען נאָר מצד די קאָמוניסטען, איז ער טאַקי נישט אַרויסגעטראָטען.

ווי מ׳גיט איבער האָט דער פּרעמיער מאַרשאַל פּילסודסקי געבעטען, אַז די סיים זיצונגען זאָלען אָפּגעלעגט ווערען אויף אַ וואָך צייט צוליב דער קראַנקהייט פון וויצע - פּרעמיער באַרטעל, וועלכער דאַרף ליגען עטליכע טעג אין בעט.

מאַרשאַל פּילסודסקי האָט ערקלערט, אַז ער איז געקומען אין סיים כדי אונטערצושטרייכען דעם קאָנטאַקט פון דער רעגירונג מיט׳ן סיים און אָפּצולייקענען די פּאָרוואורפען פון אויסלאַנד, אַז ער זאָל זיין אַנ׳אָנהענגער פון פאַשיזם וואָס ס׳איז נישט אמת.

די אַלע קלאַנגען וועגען קאָנפליקטען מיט׳ן סיים, וועגען פונאַנדערלאָזען איהם א. א. וו. זענען גרונדלאָז.

זיצונג פון „יודישען קאָלאָ“.

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון יודישען קאָלאָ איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אין פאַל, אויב ס׳וועט אַריינגעטראָגען ווערען אַנ׳אונצוטרוי וואָטום פאַר׳ן וויצע-פּרעמיער באַרטעל, צו שטימען געגען אַזאַ פאָרשלאָג. אויף דער זעלבער זיצונג האָט דעפּוטאַט רייך געמעלדען, אַז בקרוב פאָהרט ער אַרויס קיין פראַנקרייך אַלס מיטגליד פון אַ פּוילישער פּאַרלאַמענטאַרישע דעלעגאַציע.

די יודישע קאָלאָ איז איבער דער מעלדונג אַריבער צו טאָג-אָרדנונג.

שניי, נעבעל, הוראַגאַנען
אין דער גאַנצער וועלט.

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.) לויט ידיעות פון בריסבען (אויסטראַליען) האָט זיך אין דער אומגעגענד פון קערנס דורכגעטראָגען אַ הוראַגאַן. וואָס האָט אָנגעמאַכט שאָדענס אויף העכער 1 מיליאָן פונט שטערלינג. די קאָמוניקאַציע איז איבערגעריסען געוואָרען און ווערט דערהאַלטען נאָר דורכ׳ן ראַדיאָ-טעלעגראַף. צווישע אַנד. איז פערניכטעט געוואָרען גרויסע פּלאַנטאַציעס פון צוקער-רעהרען. צוליב דעם וועט אויסגעהלען ביז 60 טויזענד טאָן צוקער. ס׳זענען אומגעקומען 20 פּערזאָן

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.) אין פערלויף פון די לעצ.ע וואָכען איז דרום-ענגלאַנד און דער לאַמאַנש קאַנאַל געווען בעדעקט מיט אַ געדיכטען נעבעל. אין פערלויף פון נעכטיגען טאָג זענען פאָרגעקומען 14 אומגליקס - פאַלען מיט שיפען. איין נאָרוועגישע שיף איז אַזוי צושעדיגט געוואָרען, אַז די מאַנשאַפט האָט זי געמוזט פערלאָזען צוויי גרעסערע ענגלישע שיפען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען און האָבען ביידע שטאַרק געליטען, איינע פון זיי האָט זיך פערשניטען אין זאַמד.

לאָנדאָן, 14 (ספּ. טעל.) לויט די לעצטע ידיעות פון טערקיי בושעווען די לעצטע 3 טאָג שטאַרקע שניי-שטורמען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַנגאָראַ און גאַנץ אַנאַטאָליען, די טערקישע בעפעלקערונג געדענקט נישט פון אַזעלכע שנייען זייט צעהנדליגער יאָהרען. די בעפעלקערונג וואָס איז נישט געוואוינט צו קיין פרעסט, ליידט שטאַרק און פיל ווערען קראַנק.

אין דער אומגעגענד פון ערזערום האָבען די לאַנדווירטען דערהאַלטען פון דער מאַכט ביקסען, כדי זיך צו ווערען געגען די וועלף, וואָס האָבען צוליב די גרויסע שנייען אָנגעהויבען אָפט זיך צו בעווייזען אין די דערפער.

לאָנדאָן, 14 (א.ט.ע.) דער נעבעל וואָס האָט די לעצטע טעג געהערשט אויפ׳ן לאַמאַנש קאַנאַל האָט געבראַכט צו צוזאַמענגעשטויסען צווישען 10 שיפען.

2 קליינע דאַמף-שיפען זענען דערטרונקען געוואָרען. די מאַנשאַפט איז געלונגען צו ראַטעווען.

בוקאַרעשט, (י. ט. א.) די שיף „פּראַדאָן“, וואָס איז געפאָהרען פון ארץ ישראל קיין רומעניען איז אַרויף אויף אַ זאַמד און פעלזען נעבען קאָנסטאַנץ. די הילפ.-שיפען האָבען נישט געקענט העלפען און די שיף איז אַנגעפילט געוואָרען מיט וואַסער. 200 פּאַסאַזשירען און דער עקיפּאַזש זענען געראַטעוועט געוואָרען. קיין קרבנות זענען נישטאָ.

אויפ׳ן שוואַרצען ים איז אויך דערטרונקען-געוואָרען, צוליב אַ שטורם די רוסישע שיף „באַטיושקאַ“ מיט אַלע פּאַסאַזשירען. אויפ׳ן וועג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל—אָדעס.

דער גרויסער

מאַסקעבאַל

פון דער יודישער פּרעסע

מיט דעם רייכען און פערשידענאַרטיגען אַרטיסטישען פּראָגראַם און איבערראַשענדע אַטראַקציעס. וועט פאָרקומען

ד. 26 פעברואַר

אין „אימפּעריאַל“!

הלואה פאַר פּוילען אין אמעריקא.

ערפאָלגרייכע אונטערהאַנדלונגען. — ס'זאָל געשאַפען ווערען א ספּעציעלער פינאַנץ-קאָנסאָרציום, וואָס זאָל רעאַליזירען די הלואה.

נ י ו - י אָ ר ק, 14 (ספּ. טעל.) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָנקומען פון וויצע-דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי" ד"ר מלינאַרסקי און פּראָפ. קריזשאַנאָווסקי, האָט זיך די היגע פינאַנץ-וועלט שטאַרק פּעראינטערעסירט מיט דער הלואה פאַר פּוילען. ד"ר מלינאַרסקי האָט אָפּגעהאַלטען א רייהע קאָנפערענצען מיט די אָנגעזעהענסטע פּערטרעטער פון דער אַמעריקאַנער פינאַנץ-וועלט. בעת די קאָנפערענצען האָט ד"ר מלינאַרסקי אָנגעוויזען אַז די הלואה פאַר פּוילען איז נישט קיין דרינגענדע נויטוועגדיגקייט, ווייל די מלוכה האָט דערגרייכט א בודזשעט גלייכגעוויכט און האָט געענדיגט א בעווייז אַז דער בודזשעט פאַר 1926 האָט זיך פערענדיגט מיט אַ איבערשוס, הגם ס'איז פאָרויסגעזעהן געווען אַ דעפיציט.

די הלואה וואָס וועט איצט געמאַכט ווערען וועט פערווענדעט ווערען אויף ווידעראויפבוי פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

די דאָזיגע ערקלערונגען האָבען געמאַכט אַ גוטען רושם און אַ רייהע פינאַנץ-קאָנצערן האָבען אָנגעהויבען די אונטערהאַנדלונגען וועגען דער הלואה. די אונטערהאַנדלונגען קומען איצט פאָר. די פינאַנסיסטען לעגען פאָר די הלואה אויסצוצאָהלען אין 4-5 טערמינען אין משך פון אַ האַלב יאָהר.

אין דער לעצטער מינוט איז ענטשטאַנען אַ נייע קאָנצעפּציע, אַז אַ רייהע אינדוסטריעלע קאָנצערנען, וואָס האָבען אַן אינטערעס פאַר פערשידענע אינדוסטריע צוועקען, זאָלען דורך זייערע בענק שאַפען אַ ספּעציעלען קאָנצערן, וועלכע זאָל רעאַליזירען די הלואה פאַר פּוילען.

די בעשלוסען פון „אחדות העבודה" אין ארץ-ישראל

פערלאַנג צו בעשעפטיגען 3000 ארבייטסלאָזע אין פערלויף פון 2 וואכען.

י ר ו ש ל י ם, (יט"א) די קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה", וואָס איז נישט לאַנג אָפּגעהאַלטען געוואָרען האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס: א) די „הסתדרות העובדים" דאַרף זיך ווענדען צום ציוניסטישען עקזעקוטיוו מיט אַן אולטימאַטום זאָפאָרט צו פערווירקליכען דעם ארבייטס פּלאַן, וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ פון „הסתדרות העובדים". אויב בשעת פון צוויי וואָכען וועלען נישט ווערען בעשעפטיגט 3000 ארבייטסלאָזע, מוז די הסתדרות אָרגאַניזירען פון זיך יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געשאַפענער לאַגע; צוריקציהען איהר פאָרשטעהער פון ציוניסטישען עקזעקוטיוו, אָרגאַניזירען די ארבייטסלאָזע צו אַן אָפענעם קאַמף מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט. ב) די „הסתדרות" מוז דורכפיהרען אַן אַקציע פאַר אַ מאָנאַטליכער בעשטייערונג לטובת די ארבייטסלאָזע, און צוציהען צו דער אַקציע אויך די בעאַמטע פון ציוניסטישען עקזעקוטיוו. ג) די קאָנפערענץ בעשליסט אָנצוהויבען אַ קאַמף געגען דער ארץ-ישראל אַדמיניסטראַציע און דער ריכטונג, אַז די רעגירונג זאָל ערפילען איהרע פערפליכטונגען און בעשעפטיגען די ארבייטסלאָזע. די רעגירונג מוז ביי די עפענטליכע ארבייטען בעשעפטיגען אַ געהעריגע צאָהל יודישע ארבייטער, די „הסתדרות" דאַרף שיקען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע צו דער רעגירונג, וואָס זאָל פאָרשטעלען די פאָדערונגען פון די ארבייטער. ד) די קאָנפערענץ שטעלט פעסט מיט פערביטערונג, אַז דער ישוב און זיינע אינסטיטוציעס בעמיהען זיך נישט צו פערלייכטערען די נויט, וואָס הערשט צווישען די ארבייטער. אַלע אינסטיטוציעס פון ישוב דאַרפען אריינגעצויגען ווערען אין קאַמף מיט דער ארבייטסלאָזיגקייט.

די עסטרייכישע סאָציאַליסטען און דער ציוניזם.

ו י ע ן. (י.ט.א.) פאַר זיין אָפּפאָהר פון וויען האָט קאָלאָנעל וועדזשוואוד אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן וויענער בירגערמייסטער זייץ און מיט דעם פיהרער פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטען דר. אָטאָ בויער. וועדזשוואוד האָט זיך בעמיהט צו איבערצייגען די סאָציאַליסטישע פיהרער זיי זאָלען ענדערען זייער ביזאַהעריגע פיינדליכע שטעלונג צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און צו דעם ארץ-ישראל אויפבוי. אָטאָ בויער האָט ערקלערט, אַז עס קאָן קיין רייד נישט זיין וועגען צוזאַמענאַרבייט מיט די ציוניסטישע נישט-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל זיי טראָגען אַ בולט-בורזשואַזען כאַראַקטער. וועדזשוואוד האָט ווייטער אָנגעוויזען, דאָס מיט דעם ציוניסטישען ארץ-ישראל אויפבוי סימפּאַטיזירען און ארבייטען מיט וועלט בעריהמטע סאָציאַליסטישע פיהרער אין פערשידענע לענדער. דער רוף האָט אָטאָ בויער געענטפערט, אַז דאָס זענען, ווי עס זעהט אויס, נישט פאָלקאָמע סאָציאַליסטען.

די „וויענער ארבייטער-צייטונג", ווי אויך דער פּראַגער דייטשער „סאָציאַל-דעמאָקראַט" זענען אויפגעבראַכט מיט קאָלאָנעל וועדזשוואודס סימפּאַטיע פאַר'ן בורזשואַזען ציוניזם. די „ארבייטער-צייטונג" וואַרפט פאָר וועדזשוואוד'ן, דאָס ער האָט זיך גוט געפיהלט אויפ'ן „בורזשואַזען ראַוט" ביי דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין וויען.

קאָלאָנעל וועדזשוואוד צו די וויענער יודען.

ו י ע ן, (י. ט. א,) דער ענגלישער פּאַרלאַמענטאַריער און ארבייטער-פיהרער קאָלאָנעל וועדזשוואוד, וועלכער האָט פערבראַכט עטליכע טעג אין וויען, האָט פאַר זיין אָפּפאָהר זיך געווענדעט מיט אַן אָבשידס-בריף צו דער וויענער יודישער בעפעלקערונג. אין דער יוגענד שרייבט קאָלאָנעל וועדזשוואוד דאָס ער האָט זיך איבערצייגט ווי שטאַרק עס איז דער איינפלוס פון ציוניסטישען געדאַנק צווישען די וויענער יודען.

קאָנטראָל איבער דער יודישער שחיטה אין שוועדען.

ש ט אָ ק ה אָ ל ם, (י. ט. א.) דער שוועדישער יוסטיץ-מיניסטער האָט אריינגעטראָגען אין פּאַרלאַמענט אַ נייעם געזעץ פּראָיעקט וועגען שחיטה, לויט וועלכען אַלע בהמות מוזען פאַר דעם שעכטען בעטויבט ווערען. נאָר עופות אונטערליגען נישט דעם בעטויבטונגס-צוואַנג. וואָס איז שייך דער יודישער שחיטה וועט זי אויסנאַהמסווייזע קענען פאָרקומען אָהן אַ פריהערדיגער בעטויבונג.

„דזשאָינט"-שטיצע אויף קינדער-ערנעהרונג.

ו אַ ר ש אַ, 14 (טעלעפאָניש) דער „דזשאָינט" אין פּוילען האָט פאַר דעם חודש פעברואַר בעשטימט פאַר קינדער-היילף: 1800 דאָל. — תיבות; 100 דאָל. — „טאָז"; 4500 דאָל. אין רשות פון „ציש"; 4500 דאָל. — אָרטאָדאָקסישע חנוך אנשטאַלטען; 1 טויזענד דאָל. — רעטונגס-קאָמיטעט אין לעמבערג פאַר מזרח-גאַליציען און 3 הונדערט דאָל. „יעקאָפּאָ" פאַר ווילנער קאַנט.

געענדערט דעם זונטאָג-רוה אין גריכענלאַנד.

ס אַ ל אָ נ י ק י. (י.ט.א.) נישט לאַנג איז אין אַטען אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין גריכענלאַנד. די פּראָפ. פעראיינען פון סאַלאָניקי זענען געווען רעפּרעזענטירט דורך צוויי גריכען און 3 יודען. צווישען זיי דער יודישער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט סציאַקי. די יודישע דעלעגאַטען האָבען געפאָדערט אַנצוהויבען אַן אַקציע וועגען אריינפיהרען געוויסע ענדערונגען אין דעם געזעץ וועגען צוואַנגס-זונטאָג רוה. ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען אַנצונעהמען געהעריגע שריט, דאָס עס זאָל זיין ערלויבט די קליינהענדלער און האַנדווערקער אין סאַלאָניקי צו האַלטען אַ געוויסע צייט אָפען זייערע אונטערנעהמונגען אום זונטאָג.

אָפּגעלעגט די קאָנפערענץ אין האַנדעלס-מיניסטעריום

וועגען די עקספּאָרט-מעגליכקייטען קיין סאָוויעט-רוסלאַנד.

ו אַ ר ש אַ, 14 (טעלעפאָניש) היינט האָט געזאָלט פאָרקומען אין האַנדעלס-מיניסטעריום אונטער פאָרזיץ פון האַנדעלס-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, אויף וועלכער מען האָט געזאָלט אַרומרעדען די עקספּאָרט-מעגליכקייטען פון פּוילען קיין סאָוויעט-רוסלאַנד. אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ האָבען בעקומען איינלאַדונגען די פאָרשטעהער פון האַנדעל און אינדוסטריע. דער האַנדעל מיט רוסלאַנד איז אין דעם איצטיגען מאָמענט געוואָרען בעזונדערס אַקטועל, ווייל צוליב דער פאָדערונג פון די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע ווירטשאַפטליכע קרייזען איבערצורייסען די האַנדעלס-בעציהונגען מיט רוסלאַנד, האָט די סאָוויעטישע האַנדעלס-מיסיע אין וואַרשאַ אָנגעהויבען אינטענסיוו זיך צו אינטערעסירען מיט'ן פּוילישען מאַרק, כדי אויפצוקויפען דאָ סחורות פאַר רוסלאַנד, מאָנגאָליע און כינאַ.

עס איז נאָר ענטשטאַנען אַ וויכטיגע פראַגע וועגען די קרעדיטאָרען פאַר'ן סאָוויעטישען „וניעשטאָרג" און וועגען דיסקאָנטירען די סאָוויעטישע וועקסלען אין אונזערע בענק.

די קרעדיט-פראַגע האָט געזאָלט זיין דאָס הויפּט-טעמאַ פון דער היינטיגער בעראַטונג.

אין לעצטען מאָמענט האָט דער האַנדעלס-מיניסטער בעשלאָסען אָפּצולעגען די דאָזיגע קאָנפערענץ ביז דאָנערשטאָג, כדי צונויפצוקלויבען די נויטיגע מאַטעריאַלען, וואָס זענען זעהר וויכטיג פאַר דער קאָנפערענץ.

די אנטיסעמיטישע כוואַליע אין רומעניע.

מ'פלאַנט איינצופיהרען נייע בעגרענצונגען פאַר יודען.

פּ אַ ר י ז, (יט"א) די באַלקאַנישע טעלעגראַפען-אַגענטור אין פּאַריז מיילט מיט: אין רומענישען פּאַרלאַמענט זענען דורך די פאַשיסטישע דעפּוטאַטען אריינגעטראָגען געוואָרען פיל אנטיסעמיטישע פאָרשלאַגען און אינטערפּעלאַציעס, וואָס פאָדערן שטאַרקע בעגרענצונגען פאַר יודען אויפ'ן ווירטשאַפטליכען, קולטורעלען און נאַציאָנאַלען געביט.

דעפּוטאַט שומולעאַנו האָט געפאָדערט אַז יודען זאָל פערווערט ווערען צו קויפען ערד. ער האָט אָנגעוויזען, דאָס אין בעסאַראַביען קויפען אָפּ די יודען בילליג די ערד פון די פּויערים, וואָס עמיגרירען פון לאַנד. דעפּוטאַט וואַלעריו פּאָפּ האָט פּראָטעסטירט געגען דעם וואָס די מלוכה בענוצט זיך מיט יודישע דאָקטוירים. ער האָט געפאָדערט דאָס יודען זאָלען אין גאַנצען בעזייטיגט ווערען פון וועלכען עס איז עפענטליכען דינסט. דעפּוטאַט פלאָרעסקו האָט פּראָטעסטירט געגען געבען אַ קאָנצעסיע אַן אַקציען-געזעלשאַפט, וואָס איהרע אַקציעס ליגען מעהרסטענס אין יודישע הענד. דעפּוטאַט לעקא האָט שאַרף פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס צווישען די פאָרשטעהער פון רומעניען אין דער געמישטער אַרביטראַזש-קאָמיסיע אין פּאַריז געפינט זיך אויך דער יוד ראָזענטאַל. גלייכצייטיג זעגען די רומענישע אַנטיסעמיטען שטאַרק צומישט צוליב דער פּראָטעסט-קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפיהרט געגען זיי אין אויסלאַנד. די אָנפיהרער פון דער אַנטיסעמיטישער העץ אַקציע אין רומעניען פערעפענטליכען אין זייער פּרעסע אַרטיקלען, אין וועלכען זיי שרייבען, אַז דאָס רומענישע פאָלק וועט זיך נישט לאָזען אָבשרעקען דורך די אויסלענדישע פּראָטעסטען און וועט ווייטער פיהרען דעם קאַמף געגען יודען.

געכאַפּט איינעם פון די אינקאַסענטען, וואָס האָט צוגענומען געלד ביים האַנדווערקער-פערבאַנד.

וו אַ ר ש אַ, 14 (טעלעפאָניש). איינעם פון די אינקאַסענטען, וואָס האָט צוגעכאַפּט טויזענד זל. ביים צענטר. האַנדווערקער-פערבאַנד (נאַלעווקי 2), וואָס ער האָט געהאַט איינקאַסירט ביי די מיטגלידער, איז געלונגען נעכטען צו פערהאַלטען. דאָס געלד האָט ער נישט. ווי ער טענה'ט, זאָל עס האָבען פערלעבט.

דאַגעגען דעם צווייטען אינקאַסענט, וואָס האָט דעסגלייכען צוגעכאַפּט טויזענד זל., איז דערווייל נישט געלונגען צו פערהאַלטען, ווייל ער האָט אויפגעגעבען אַ פאַלשען אַדרעס און ווי מען איז איהם געקומען אַרעסטירען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער וואוינט דאָרט גאָרנישט.

די ווייסרוסישע דעפּוטאַטען

איבערגעשיקט אין אַ שווערע תפיסה.

וו אַ ר ש א, 14 (טעלעפאָניש) נעכטען אַרום 6 אינדערפריה איז מיט'ן צוג פון ווילנא אָנגעקומען אַ ספּעציעלער וואַגאָן, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די אַרעסטירטע ווייסרוסישע דעפּוטאַטען: מיאַטלאַ, האָלאָוואַטש, טאַראַשקעוויטש, וואָלאָשין און ראַק-מיכאַילאָווסקי.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען די אַרעסטירטע ווייסרוסישע דעפּוטאַטען, וועלכע זענען ביז-איצט געווען אין דער לוקישקער טורמע אין ווילנא, אָפּגעפיהרט געוואָרען אין דער תפיסה קיין ווראָנקי. בכלל געפונען זיך דאָרט בלויז אַזעלכע אַרעסטאַנטען, וואָס זענען ענדגילטיג פערורטיילט געוואָרען צו שווערער תפיסה. קיין אַרעסטאַנטען פאַר'ן פּראָצעס זענען דאָרט ביז-איצט נישט געהאַלטען געוואָרען. דער רעזשים אין דער דאָזיגער תפיסה איז זעהר אַ שטרענגער. דאָ ווערט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישען קרימינעלע און פּאָליטישע אַרעסטאַנטען.

ווי מען גיט איבער, זענען די אַרעסטירטע דעפּוטאַטען געוואָרען איבערגעשיקט לויט דער פעראָרדנונג פון פּראָקוראָטור-אַמט אין יוסטיץ-מיניסטעריום. צוליב דעם איבערפיהרען די אַרעסטירטע דעפּוטאַטען קאָנען געשאַפען ווערען געוויסע קאָמפּליקאַציעס ביי דער אויספאָרשונג, ווייל אין פּרינציפּ האָבען אַרעסטאַנטען, בעזונדערס פּאָליטישע, דאָס רעכט בייצוואוינען געוויסע מאָמענטען פון דער אויספאָרשונג, און אַזוי ווי די אויספאָרשונג ווערט געפיהרט אין ווילנאַ, וועט שוין ממילא זיין טעכניש זעהר שווער, אַז די אַרעסטירטע דעפּוטאַטען זאָלען קאָנען אין געוויסע פעלען בייוואוינען די אויספאָרשונג.

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאדז. 15. פעברואַר. 1927

היינט מיר

מאָרגען - דיר.

איך האָב אַמאָל געהערט אַ היציגען ר כוח וועגען עטיק.

— „אייער יודישע עטיק איז מינדער ווערטיג — האָט אויסגערופען אַ פער־ברענטער אַנטיסעמיט, — ביי אייך שטעהט געשריבען: שן תחת שן. און ביי אונז זאָגט די עוואַנגעליע: בעקומסטו אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעל אויף די צווייטע. נישט נקמה פּרעדיגט אונזער רעליגיע נאָר מילדקייט. נישט אָפּגעבען דעם פּאַטש, נאָר דעם געגנער בעצווינגען מיט דעם גוטען הערץ".

— באמת — האָט געענטפערט דער יוד — ביי אייך שטעהט שוין געשריבען, נאָר איך וואָלט געוואָלט זעהן דעם גוי, וואָס שטעלט אונטער די באַק צום צווייטען פּאַטש און ווייז מיר אַ יוד, וואָס פיהרט דורך ווערטליך דעם שן תחת שן"...

אָט אָ די מעשה איז מיר איינגע־פאַלען, ווען איך האָב געלעזען דעם קאָמוניקאַט פון די ענדעקעס, אין וועל־כען דער ענדעקישער קלוב אין סיים פאָדערט·אויף זיינע מיטגלידער אין דער אַדמיניסטראַציע·קאָמיסיע נישט צו דער־לאָזען צו בעשליסען די זעלבסטפער־וואַלטונגס - געזעצען, ווייל די פּראָיעק טען זענען פאַר די ענדעקעס נאָך צו ווייניג אומגערעכט געגען די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען.

איך האָב מיך אַ פראַגע געטאָן: וואָס הייסט נישט דערלאָזען? — אָבסטרוקציע?

אָט האָבען מיר יודען צוזאַמען מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען זיך בענוצט אַפּיסעל מיט דעם מיטעל פון אָבסטרוקציע אין דער קאָמיסיע, ווען די פּוילישע פּאַרטייען — פון רעכטס און ליקס — האָבען זיך פערנומען אונז כמעט פולשטענדיג אויסצושליסען פון יעדען איינפלוס אין די גמינעס.

דערפאַר האָט אונז דאַמאָלס דער פערטרעטער פון די נ.ד־עקעס גערוּפט׳ן אין נאָמען פון דער קריסטליכער עטיק, וואָס וואָלט נישט דערלויבט צו שטע־רען די אַרבייט פון דער קאָמיסיע צו־ליב אַזאַ קלייניגקייט, ווי דער אינטע־רעס פון אַ מינדערהייט. אַ מאָראַלישע, עטישע מינדערהייט האָט דעם חוב צו ליידען ־לץ וואָס די מעהרהייט וויל איהר אויפוואַרפען, און נישט רעש׳ן, רודערן און שטערען דעם שלום, וואָס די פּוילישע פּאַרטייען האָבען צווישען זיך געמאַכט — נעגען די מינדערהייטען.

אָבער — יודען זענען דאָך יודען און פערשטעהען גאָר נישט פון — עטיק...

איך מוז מודה זיין — אַפשר דערפאַר טאַקע, וואָס איך בין אַ יוד — איך האָב זיך נישט געשעהמט און געטון מיינס. דעם ענדעקישען חבר האָב איך אָבער געוואונשען צו פיהלען אונזער טעם און דערנאָך זיך נעהמען מוסר׳ן. אַ פּנים איך האָב זיך דערוואַרט. די ענדעקעס זענען היינט אונצופרידען, און גאַרטלען זיך נאָכצוטון די מיאוס׳ע יודישע מדה — אָבסטרוקציע. היינט וועל איך זיי פרעגען זייער קשיא: היתּכן...

מען טאָר אַ פּנים קיין מאָל נישט פערגעסען דעם אַלטען פּרינציפּ: צייטען בייטען זיך. היינט מיר, מאָרגען דיר...

דעפּ. א. אינולער.

דער קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל,

וועלכער איז געשטאָרבען אין יפו.

פון יפו איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז דער באַקאַנטער גרויסער יודישער קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל איז געשטאָרבען

ענגעל איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1868 אין דער רוסישער פּראָווינץ־שטאָדט בערדיאַנסק. דערנאָך האָט ער געענדיגט דעם כאַרקאָווער אוניווערזי־טעט אַלס יוריסט אין 1891, האָט ער געענדיגט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָ־ריע אַלס תּלמיד פון דעם באַקאַנטען רוסישען קאָמפּאָזיטאָר, טאַניעיעוו. פון 1897 ביז 1918 איז ער געווען דער מוזיק־קריטיקער פון דער גרויסער רוסי־שער צייטונג „רוסקיע וויעדאָמאָסטי". אין דער זעלבער צייט, איז יואל ענגעל אויך געווען דער מיטגרינדער און פּראָ־פעסאָר פון דער ערשטער רוסישער פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע. ענגעל האָט אויך אַ סך געשריבען אין אַנדערע אויס־גאַבען. צו די באַקאַנטסטע געהערען: זיינע מוזיק־געשיכטליכע ווערק איבער גלינקאַ און „קאַרמען", ווי אויך אַ ווערק אין פאָרם פון אַ מוזיקאַליש ווערטער־בוך.

אין יאָהר 1900 האָט ענגעל געהאַל־טען אַ רעפעראַט אין דער רוסישער קייזערליכער עטנאָגראַפישער געזעל־שאַפט, וועגען יודישען פאָלקס ליד.

אין דערזעלבער אינסטיטוציע זענען אויך אַ דאַנק איהם אויסגעפיהרט גע־וואָרען, די ערשטע יודישע פאָלקס לי־דער אין זיין בעאַרבייטונג.

מי־ קענען זיך איצט גאָרנישט פאָר־שטעלען, וואָסערע בעדייטונג עס האָט געהאַט דער דאָזיגער קאָנצערט, אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער מוזיק. דאָס איז געווען, קען מען זאָגען, דער ערשטער יודישער קאָנצערט, וואו עס איז פאַר דער גאַנ־צער קולטורעלער וועלט ענטפּלעקט גע־וואָרען דער אוצר פון יודישער נגינה.

ענגעל איז געווען דער, וואָס האָט אונז דער ערשטער איינגעפיהרט, און געגעבען אַ פּלאַץ אין דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער מוזיק; פון איהם הויבט זיך אָן דער רענעסאַנס פון דער יודישער מוזיק, וועלכע איז יאָהר־הונדערטער לאַנג געווען אָהן פאָרם, ער האָט זי ווידער בעלעבט און אָריינגעהויכט אַ נייע נשמה. דאָס איז געווען דער ער־שטער יודישער מייסטער, וואָס האָט מיט מסירת נפש געזאַמעלט און בע־אַרבייט יודישע פאָלקס־לידער און ניגונים, און זיי געגעבען דעם געהעריגען קאָ־לאָריט.

זיין „קדיש" אָדער „דורעלע" וואָס ווערען יעצט כמעט פון אַלע קאָנצערט זינגערס געזונגען זענען אַ דאַנק איהם ענטפּלעקט געוואָרען, און האָבען אין זיין בעאַרבייטונג בעקומען דעם געהע־ריגען לבוש. ער איז געווען דער ער־שטער פּיאָנער און האָט געלייגט דעם ערשטען גרונד־שטיין פאַר דער מאָ־דערנער יודישער מוזיק.

פון אַלע זיינע ווערק, שטראַהלט אַרויס די גרויסע ליבע צו דער יודישער קונסט. וואו ער איז נאָר געווען, דאָרט האָט שוין זיין גייסט נישט געקאָנט רו־הען. צו אין מאָסקווע, צו אין בערלין אומעטום האָט ער געאַרבייט אונער־מידליך, און שטענדיג גרופּירט אַרום זיך יודישע קינסטלער, און זיי געצוואונ־גען צו אַרבייטען פאַר דער יודישער מוזיק.

מילנער האָט געזאָגט: אַז „דאָס איז דער פאָטער פון דער יודישער מוזיק".

ווער געדענקט נישט די גרויסע בע־דייטונג פון דער פּעטערבורגער מוזיק־געזעלשאַפט, וועלכע איז געגרינדעט גע־וואָרען אונטער דער השפּעה פון יואל ענגעל. און אויך שפּעטער, ווען ער איז פערוואָגעלט געוואָרען קיין בערלין, (וואו ער האָט דאָכט זיך נישט געלעבט אין קיין זעהר גוטע מאַטעריעלע בע־דינגונגען) אויך אין בערלין, זעהען מיר ווי ער שאַפט דעם פערלאַג: „יובל" וואו ער האָט ווידער אַרויסגעגעבען זיינע און פרעמדע קאָמפּאָזיציעס.

אַזוי ווי אַן אמת׳ער פאָטער האָט ער זיך בעצויגען צו יעדען נייעם יודישען קינסטלער. יעדע נייע ערשיינונג אין דער יודישער קונסט בכלל, האָט ער אויפגענומען מיט גרויס בעגייסטערונג, ער האָט געהאַט דעם רוח צו בעגיי־סטערן די גאַנצע פּלעיאַדע פון יונגע יודישע מוזיקער, און זיי צו פּעראינטע־רעסירען פאַר דער יודישער קונסט.

ער האָט אייביג געחלומ׳ט צו זעהן אַ גרויסע יודישע קונסט אָהן פרעמדע השפּעות.

ער האָט זיך אַליין ווענגען דעם אויס־געדריקט: „די קריסטען האָבען שוין דורכגעמאַכט דעם וועג פון פאָלקס מו־זיק, ביז צו די העכסטע פאָרמען פון דער מאָדערנער מוזיק קולטור; מיר הוי־בען ערשט אָן. אָבער מיר האָבען שוין אָנגעהויבען, און מיר שטעהען פעסט און גוהן פעסט, דעם פאָלקס־ניגון, דעם עיקר האָבען מיר אַנ׳עכטען און שענעדען פון זיי. און וואָס שייך די קולטור, אין דער קולטור זענען מיר געווען תמיד די ערשטע.

דאָס זענען געווען די ווערטער פון דעם גרויסען מייסטער...

ער האָט נאָך געהאַט אַ סך גראַנדיעזע פּלענער, וועלכע זענען, לויט־ער, נישט פּערווירקליכט געוואָרען.

מיט איהם געהט אַוועק אַ שטיק יודי־שע מוזיק־געשיכטע, און דער גאַנצער יודישער מוזיק־דור פערלירט זיין רבי און מנהיג. יואל ענגעל איז געשטאָרבען, אָבער זיינע שאַפונגען לעבען, און זיינע תלמידים וועלען ווייטער שפּינען דאָס פון איהם אָנגעהויבענע ווערק.

כבוד זיין אָנדענקען.

הענעך כאַן.

יודישע נייעס.

ענטגילטיג אָפּגעלעגט די ציוניס־טישע קאָנפערענץ אין רומעניען.

בוקאַרעשט. (יט"אַ) צוליב טעכני־שע סיבות האָט דער ציוניסטישער צענטר. קאָמיטעט אין רומעניען בעשלאָסען ענטגילטיג אָפּצולעגען די אַלרומעניש ציוניסטישע קאָנפערענץ, וואָס איז שוין געווען ערלויבט אויף דעם 13 — 14 פעברואַר ה. י.

אַנ׳אויפבוי - באַנק אין א"י.

ירושלים, (י.ט.א.) דער שטאָדט־ראַט פון תל־אביב האָט אויסגעוועהלט אַ קאָמיטע, וואָס זאָל זיך פערנעהמען מיט די נויטיגע פאָרבערייטונגען צו גרינדען אַנ׳אויפבוי־באַנק. די באַנק וועט געבען הלואות קאָלאָניסטען. אויסשליס־ליך אויף קאָנסטרוקטיווע אויפבוי־צוועקען. דער „דזשאָינט" האָט זיך פער־פּליכטעט צו געבען דער באַנק מאַנאַט־ליך 1000 פונט אויף קאָנסטרוקטיווע הלואות.

פריינד פון העברעאישען „אוני־ווערזיטעט" אין ענגלאַנד.

לאָנדאָן, (י.ט.א.) דאָ האָט זיך גע־גרינדעט אַ געזעלשאַפט פון „פריינד פון העברעאישען אוניווערזיטעט" אין ירושלים. אַלס פּרעזיצער פון דער גע־זעלשאַפט איז געוועהלט־געוואָרען דער מ. גאַסטער.

ד״ר עהרענפרייז זיך אָפּגעזאָגט צו ווערען רב אין גריכענלאַנד.

סאַלאָניקי, (יט"א) דער רב הראשי פון שטאָקהאָלם, ד״ר עהרענ־פרייז האָט ענטגילטיג ענטזאָגט צו פער־נעמען דעם כסא - הרבנות הראשית אין גריכענלאַנד. דער ראַט פון דער יודי־שער קהלה אין סאַלאָניקי האָט זיך דע־ריבער געווענדעט צו אַ רייה אַנדערע רבנים מיט אַ פאָרשלאַג איבערצונעהמען דעם דאָזיגען אַמט.

עדות, טויזענדער עדות.

פון דער סעריע „מיין רייזע אין רוסלאַנד".

דער בעקאַנטער פראַנצויזישער שריפט־שטעלער בערנאַרד לעקאַש, וועלכער האָט געזאַמעלט אין רוסלאַנד מאַטעריאַ־לען וועגען די פּאָגראָמען אויף יודען, ברענגט ווייטער אין „מאָרגען זשורנאַל" זיינע איינדריקען פון בעגעגענישען מיט די פּאָגראָם־געליטענע.

די אכזריות פון כערסאָן!

קען מען דען אַלעס בעשרייבען? די פּען זאָגט זיך אָפּ... און דאָך איז דאָס געשעהן.

איך בין אַרומגעגאַנגען אין די גאַ־סען פון כערסאָן מיט אַ יונגען סטודענט, חיים רעזניקאָוו, אין וועמען ס׳האָט גע־ברענט הייס מאַקאַבעער בלוט. ער האָט געליסען ווי איך פון דעם שוידער וואָס האָט אונז פערפלייצט.

מיר בעגעגענען פאָלקאָוו׳ן. ער איז אַלט 40 יאָהר, און זיין קאָפּ האָר איז פאָלקאָם ווייס, אַ ירושה פון פּאָ־גראָמצעס, זיי האָבען יעדען געהרג׳עט. פערעלטערט אויף 20 יאָהר.

— ס׳זענען געווען די פעטליוראָווו־צעס, זיי האָבען יעדען געהרג׳עט. מיך האָבען זיי גענומען צוזאַמען מיט בן ציון מיכיילאָוויטש, מ׳האָט אונז אַזוי גע־שמית׳ט, אז בן ציון איז געשטאָרבען.

מיר טרעפען זיך דערנאָך מיט שור׳ן, אַ מלמד. ער האָט געוואוינט אויף רישעליעווסקי גאַס.

— די פעטליוראָוועצעס האָבען געפו־נען אונטערהעלפערס צווישען די גרי־כען פון פאָרט. 24 שעה בין איך גע־ווען בעהאַלטען אין אַ קעלער, ווען איך בין אויף דער נאַכט אַרויס פון מיין

פון בערנאַרד לעקאַש.

בעהעלטעניש, האָב איך זיך אָנגעשטוי־סען אָן אַ באַריקאַדע פון מענשליכע קערפּערס מיט אָפענע בייכער. די גאַס פול מיט טויטע...

שור פערמאַכט די אויגען און זעצט פאָרט:

— מ׳האָט געוואָרפען קליינע קינדער אין טייך אַריין. אויפ׳ן קאַנאַל זענען זייערע געשוואָלענע, אָנגעבלאָזענע גוף׳־עלעך אַרומגעשוואומען.

מיר קומען צו דער מיכיילאָווסקי גאַס, איז נאָך ביז היינט כמעט איינ־גאַנצען צושטערט. די הייזער זענען באָמבאַרדירט געוואָרען מיט האַרמאַטען. די אַלטע שוהל איז שוין אויך נישטאָ: זי איז געשטאָרבען צוזאַמען מיט׳ן קהל.

מיר קלינגען אין הויף נומער 25. ביי גרינצייט.

דער 50 יעהריגער גרינצייט מיט זיין פרוי און טאָכטער האָבען איבערגעלעבט שוידערליכעס, הערט זיינע דערצעהלונ־גען:

— די פעטליוראָוועצעס זענען געווען אין שטאָט און די גריכען אין פאָרט. פאַרנאַכט צו האָבען זיי בשותּפות פער־פלייצט די שטאָט. מ׳האָט געכאַפּט מענ־שען אין די גאַסען און זיי געפיהרט אין פאָרט אַריין. איך און מיין פאַמיליע האָבען זיך בעהאַלטען אין אָט דעם שמאָלען קאָרידאָר וואָס געבען דער שטוב: דאָ האָבען מיר מיט אַנדערע

— אַ מענשען 12 — פערברענגט די נאַכט, צונויפגעפּרעסט איינער געגען צווייטען.

„איינצווישען האָבען די פּאָגראָמ־שטשיקעס אונטערגעצונדען דאָס הויז. אויסגעהרג׳עט אַלע שכנים. אונז האָ־בען זיי נישט בעמערקט. און אין דער פריה האָבען זיך אויף אונזער הויף גע־וואַלגערט די קערפּער פון די פאַמיליעס קאָגאַנאָווסקי, וואָרדאָווסקי, צושטאָכען מיט שפּיזען.

— און די איבעריגע?

— די איבעריגע? — זיי האָט מען אָוועקגעשלעפּט אין פאָרט, פערשלאָסען אין אַ באַראַק און אונטערגעצונדען... גאַנצע פאַמיליעס פערברענט לעבעדי־גערהייט: די בעזאַלאָוו׳ס, 10 פּער־שוין, פון וועלכע מ׳האָט געפונען ז־פּ געברענטע ביינער; מ׳האָט זיי דער קענט לויט די שטיקלעך ציהרונג, וואָס מ׳האָט געפונען אין אַש און וועלכע זענען נישט פערברענט געוואָרען.

די פרוי גרינצייט וויינט, דער מאַן דערצעהלט ווייטער, איינפאַך, כמעט רוהיג.

— אין מיין צימער, אָט דאָ, האָט מען געפונען 6 פערברענטע קערפּערס, נאָר אין אונזער גאַס זענען 98 פּאַר־שוין אומגעקומען, אייניגע נישט - יודען. מיר האָבען אויך פערזוכט דעניקינ׳ען אין 1919...

זיצט אַנ׳אַלטיטשקע און וואַרעמט זיך אויף דער זון. זי הויבט אויף צו אונז אַ פּאָר רויטע אויגען, שמייכעלט מיט אַ גרימאַסע. דאָס איז פרוי גאַליצקי, אַנ׳־איבערגעבליבענע...

— ס׳איז געווען אַ זייגער 6, מ׳האָט אונז אַוועקגעפיהרט, מיך און מיין מאַן. דער באַראַק איז געווען איבערפולט, אויף דערשטיקט צו ווערען. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, מ׳האָט אונז פערשלאָ־סען, אין דער פינסטערניש, כ׳האָב זיך אָנגעהאַלטען ביי מיין מאַן, מיין טאָכ־טער און אייניקעל, מיר האָבען געוואַרט.

פּלוצלונג שרייט איינער אויס: „עס שמעקט רויך!" די מערדער האָבען אַרום געלעגט דעם באַראַק מיט ברענענדיגע שמאַטעס. אָבער ס׳איז דערווייל גאָר געווען אונז איבערצושרעקען. מען האָט פערלאָשען דאָס פייער, און מיר האָבען זיך געפּרעסט איינער צום צווייטען כדי זיך צו דערוואַרעמען.

דערנאָך איז אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט און האָט אויסגערופען: „אָט וועלען מיר זעהן ווער פון אייך זענען קאָמוני־סטען." מיין מאַן, אַ זקן פון 73 יאָהר איז געשטאַנען אין דער ערשטער רייה מיט זיין לאַנגער באָרד, אין אַ קאַפּאָטע „דו ביזט עס אַ קאָמוניסט" האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריגען צו איהם, און איהם אַוועקגעפיהרט.

— אַרום 4-5 אַ זייגער האָבען די שיפען פון פאָרט אָנגעהויבען צו באָמ־באַרדירען אונזער באַראַק, און ענדליך איהם אָנגעצונדען, מ׳האָט נישט געטאָרט אַרויסגעהן. מ׳האָט געשאָסען. ס׳איז גע־וואָרען אַ לויפעניש, אַנ׳אומגעמענשליכער געפילדער (איך געדענק, אַז מיין מיכעל אויפ׳ן קאָפּ האָט אָנגעהויבען צו ברע־נען). סאָלדאַטען האָבען געהיט. איך בין געפאַלען, כ׳בין געקראָכען צווישען פלאַ־מען, מ׳האָט אַלץ געשאָסען... ענדליך בין איך אויף אַ אונפערשטענדליכען אופן

(ענדע זעה 7טע זייט).

ענטדעקט אויסגראָבונגען פון אַנ׳אַלטער שטאָדט אין א"י.

ירושלים. (יט"אַ). דער דייטשער אַרכעאָלאָג פּראָפ. מאַדער האָט אין־צפון פון חב־ון, אויפ׳ן אָרט וואו אַמאָל איז גע־לעגען די שטאָט ממרא ענטדעקט פיל מטבעות און בוי־מאַטעריאַלען. נעבעת די ווייטערדיגע פאָרשונגען זענען געפינען גע־וואָרען איבערבלייבענישען פון געביידעס פון גאָר אַלטע צייטען. אַ טייל פון די געביידעס שטאַמט פון די רוימישע און ביזאַנטישע צייטען.

נײַער פאָלקסבלאט
15. פעברואַר 1927.

דאס לאָדזער לעבען

נײַער פאָלקסבלאט
15. פעברואַר 1927.

15 דינסטאָג י״ג אדר א תרפ״ז	פעברואַר זון-אויפגאַנג 6.54 זון-אונטערגאַנג 4.47 לענג פון טאָג. 100

„זעזאָניעס“ היינט לעצטער טערמין

(§) היינט איז דער לעצטער טערמין צו בצליינען „זעזאָניעס“ פון אומזאַץ פאַר'ן יאָהר 1926. מ קאָן די „זעזאָניעס“ שיקען דורך דער פאָסט ביז 7 אין אָוונט. פאַר נישט אָנגעבען אין טערמין די „זעזאָניעס“ דראָהט אַ שטראָף ביז 500 זל. פאַר פאַלש אויפגעבען דעם אומזאַץ וועלען די שולדיגע בעשטראָפט ווערען צו בעצאָהלען פון 2 ביז 20 מאָל אַזויפיל, וויפיל עס וועט בעטרעפען דער שטייער. און אין פאַל פון בייזוויליגען פערקלענערען דעם אָבאָראָט, וועט מען בעשטראָפט ווערען אויך ביז 3 חדשים אַרעסט.

זאכען,

וואס מען האט ארויסגעפיהרט קיין ארץ-ישראל, קאן מען צוריקברענגען אהן צאל.

דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז די סחורות פון די צוריקגעקומענע פון א״י, וועלכע מען האָט מיטגענומען קיין א״י און זענען פון פוילישער אויסאַרבייטונג זענען בעפרייט פון צאָל-אָבצאָהל.

קאנפיסקאציעס

(ב) דער עהערגעכטיגער נומער פון דער „לאָדזער פאָלקסצייטונג“, אָרגאַן פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, איז קאָנפיסקירט געוואָרען פאַר אַן אַרטיקעל פון דעפ. פראַנץ וועגען ארבייטסלאָזיגקייט.

פאַר דעם זעלבען אַרטיקעל איז קאָנפיסקירט געוואָרען דער „אויבער שלעזישער קוריער“. דאַגעגען איז דאָס זעלבע אַרטיקעל געווען געדריקט אין דער „קאַטאָוויצער צייטונג“ און איז נישט קאָנפיסקירט געוואָרען.

אָפשידס-באנקעט לכבוד דער א״י-דעלעגאציע.

היינט 10 אַ זייגער קומט פאָר אין זאַל פון „הזמיר“ אַן אָפשידס-באַנקעט לכבוד די מיטגלידער פון דער א״י-דעלעגאַציע מיט דר. שמריהו לעווין בראש, וועלכע פערלאָזען מאָרגען אונזער שטאָט.

דער באַנקעט איז פאַר איינגעלאַדענע געסט און די פערזאָנען, וועלכע האָבען נאָך נישט ערהאַלטען קיין איינלאַדונגען, דאַרפען זיך היינט אין משך פון טאָג ווענדען אין ביוראָ פון „קרן-היסוד“.

א פערזאמלונג אין „החלוץ-המרכזי“.

היינט, 6.30 אין אָוונד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ חבר'ישע פערזאַמלונג פון „החלוץ המרכזי“ מיט דער בעטייליגונג פון מיטגליד פון דער א״י-דעלעגאַציע ה' דור באָראָיואָ.

אין די אפטייקען.

היינטיגע נאכט דיזשורען.

(§) היינט דינסטאָג דיזשורירען ביי נאַכט פאָלגענד״ע אַפטייקען: ג. אַנטאָניעוויטש (פאַביאַניצקאַ 50). ק. כאַדזינסקאַ, (פעטריקאָווער 164), וו. סאקאָלעוויטש (פרזשעיאַזד 19), ר. רעמביעליגסקי (אַנדזשעיאַ 26), י. זונדעלעוויטש (פעטריקאָווער 25), מ. קאַספערקעוויטש (זגערזשער 54) און ה. טראַוקאָווסקאַ (בזשעזשינער 56).

ציײַטווײַליגע פּעסער פאַר נישט-זיכערע פוילישע בירגער.

(§) דער רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען צייטווייליגע פעסער, פאַר פערזאָנען, וועלכע זענען וואַהרשיינליך פוילישע בירגער, און וועמענס בירגערשאַפט קען בלויז צוליב פערשידענע טעמים נישט פעסטגעשטעלט ווערען שוין איצט. אין פאַס ווערט ספעציעל בעצייכענט, אַז זייער פוילישע בירגערשאַפט איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט, און דער פאַס איז גילטיג נאָר אַ יאָהר. ביז דער צייט מוז מען אויפווייזען, אַז מ'איז אַ פוילישער בירגער. דאַמאָלס ערשט בעקומט מען אַ געוועהנליכען פאַס. אין גאַנצען אָבער ווערט דער פאַס צוגענומען, און די פערזאָן ווערט בעטראַכט אַלס „פרעמדע“.

אין צייטווייליגען פאַס קענען זיין איינגעשריבען קינדער ביז 14 יאָהר, און פערזאָנען, וועלכע דער פעטענט האַלט אויס. די ביטעס ווענען אַזאַ פאַס זענען בעפרייט פון אָבצאָהל.

דער פאַס קאָסט אינגאַנצען 1 זלאָטי.

לאדז ערב א שטרייק-כוואליע.

(–) היינט קומען פאָר אין אַ רייה פאַבריקען דעלעגאַטען - פערזאַמלונגען, כדי צו בעטראַכטען די פראַגען פון די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען און אויסאַרבייטען פלענער, ווי אַזוי צו האַנדלען, אויב ס'זאָל דאַרפען קומען צו אַ שטרייק.

אויך די שטאָטישע ארבײַטער דראָהען.

(ב) דער פעראיין פון די שטאָטישע אַרבייטער האָט צוגעשיקט צום מאַגיסטראַט אַ בריף, אין וועלכען ס'ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ רייה פאָס טולאָטען. וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען דורך די אָנגעשטעלטע און אַרבייטער אין די שטאָטישע אונטערנעהמונגען זענען נאָך ביז היינט נישט בעפרידיגט געוואָרען.

אינ'ם בריף ווערט ווייטער געפאָדערט צונויפצורופען אַ קאָנפערענץ וועגען אַרומרעדען די פראַגען אין גענעראַל, וועלען גצוואונגען ווערען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

גאַזאָווניע-ארבײַטער דראָהען מיט א שטרייק.

(ב) ס'איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די אַרבייטער אין דער גאַזאָווניע אַ ן ס'איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען די אַרויסגעשטעלטע לוין-פאָדערונגען.

צוליב דעם, וואָס די רעפערענטען האָבען אָנגעוויזען אין זייערע בעריכטען, אַז סיי דער מאַגיסטראַט און סיי די גאַזאָווניע-דירעקציע בעמיהען זיך גאָרנישט צו ענטפערען אויף די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט, אַז אויב ביז מיטוואָך וועלען די פאָדערונגען נישט נאָכגעגעבען ווערען, ווערט גערופען אַ ספעציעלע פערזאַמלונג, וועלכע וועט בעשליסען אַ שטרייק.

פּירשט ראַדזיוויל קומט קיין לאָדז.

אויף א פאליטישער קאָנפערענץ פון „פּראַוויצא-נאַראָדאָווא“.

(ס) מאָרגען, מיטוואָך, קומט-פאָר אין זאַל פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט אויף פאַמאָרסקאַ - גאַס אַ פאָליטישע קאָנפערענץ פון דער ניי-געגרינדעטער לאָדזער אָפטיילונג פון פראַוויצאַ נאַראָדאָוואַ“.

צו דער קאָנפערענץ קומען ספעציעל פון וואַרשאַ דער פירשט יאַנוש ראַדזיוויל און דער געוועזענער מיניסטער טאַרגאָווסקי.

די קאָנפערענץ וועט בעטראַכטען אַ רייה פראַגען וועגען אָנהויבען אַ מאַסען-קעטיגקייט אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע צווישען דער אינטעליגענץ.

וועגען סעקוועסטירען זאכען

וואס געהערען צו דער פרוי.

(§) אין די סוחרישע קרייזען האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די סעקוועסטראַטאָרען האָבען נישט דאָס רעכט צו סעקוועסטרירען אויפ'ן חשבון פון די פערצלטערטע שטייערן פון צאָהלער דאָס פערמעגען פון זיין פרוי.

לעצטענס אָבער זענען פאָרגעקומען אַ סך קאָנפליקטען צווישען די שטייער-אַמטען און די צאָהלער. צוליב דעם וואָס די עקזעקוטאָרען אָדער קאָמאָרניקעס האָבען סעקוועסטרירט די זאַכען, וואָס זענען געווען דאָס אייגענטום פון דער פרוי פונ'ם שטייער-צאָהלער. מ'מוז אָבער פעסטשטעלען, אַז די אַלע מיספערשטענדנישען זענען פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס מ'האָט דעם סעקוועסטראַטאָר נישט געוויזען דעם אַקט פון דער אינטערציזיע בעת'ן סעקוועסטער.

מיר ווערען איצט געוואָהר, אַז אַלע פעראינטערעסירטע פערזאָנען מוזען האָבען ביי זיך דעם אָריגינאַל פון אַקט פון דער אינטערציזיע, רעיעגטאַל בעשטעטיגט, כדי שפעטער אויסצומיידען די שוועריגקייטען, וועלכע זענען פערבונדען מיט'ן אָראָבנעהמען פון סעקוועסטר אָדער זאַיענטשע“.

ער האט חתונה אויף הורט...

די חײַפלעד יאָהיען זיך צוזאַמען אין לאָדזער ראבינאַט, כדי געמײַנזאם ארויסצוטרעטען געגען זײַער „בשותפות'דיגען“ מאן.

(–) פאָריגע וואָך האָבען מיר שוין געשריבען וועגען אַ געוויסען ראָזענבלום, וועלכער האָט זיך געגומען אין לאָדז צו אַ שפּאָגעל-נייער אָדער גאַר צו אַן אַלטער בעשעפטיגונג: ער טוט כסדר שדוכים און פערדרעהט אַלע מאָל אַ קאָפּ אַן אַנדער פרוי אָדער מיידעל.

נעכטען האָט זיך אין לאָדזער ראַבינאַט געמאָלדען אַ געוויסע מלפה לעווינסקאַ, אַ טאָכטער פון שמעון און חוה און דערצעהלט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט זי חתונה-געהאַט מיט דעם זעלבען איציק ראָזענבלום און באַלד האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער חברה-מאַן האָט חתונה-געהאַט מיט אַ געוויסער גאָלדע באַראַנסקאַ פון לאָדז.

גלייכצייטיג האָט זיך אין ראַבינאַט געמאָלדען אַ פרוי רבקה ראָזענצווייג פונ'ם שטעטעל סילעוו און דערצעהלט, אַז אויך זי האָט מיט עטליכע חדשים צוריק חתונה-געהאַט מיט איציק ראָזענבלום און איצט האָט זי זיך דערוואוסט, אַז ראָזענבלום געהט אין לאָדז חתונה האָבען מיט אַ יונג מיידעל פון 19 יאָהר.

די אַלע אויסגערעכענטע ווייבלעך זענען זיך צונויפגעקומען אין לאָדזער ראַבינאַט און אַלע צוזאַמען ווילען זיי אויפהויבען אַ שטורם געגען זייער... „בשותפות'דיגען“ מאַן.

דער לאָדזער ראַבינאַט האָט אונטערגענומען שריט אַ סוף צו מאַכען צו די אַרגיעס פון איציק ראָזענבלום.

אַן אַלמנה, א גרושה, אדער גאר — א מיידעל?

רעגירונגס-קאמיסאר פרעגט זיך בײַם לאָדזער ראבינאט איסקונפטען וועגען אזא אײַנע.

(–) דער לאָדזער רעגירונגס-קאָמיסאַר האָט זיך געווענדעט צום לאָדזער ראַבינאַט וועגען פאָלגענדען ענין:

אין רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט האָט זיך געמאָלדען אַ געוויסע זיסל פאָשלאַדעק און געוואָלט אַרויסנעהמען אַ דאָקומענט פאַר איהר קינד, וואָס זי האָט געהאַט מיט אַ געוויסען ווײַנטרויב.

אַזוי ווי זיסל פאָשלאַדעק האָט נישט קיין מעטריקע פאַר איהר קינד און איהר מאַן וויינטרויב, מיט וועלכען זי האָט אַגב נישט געהאַט קיין קטעס, איז ערגיץ וואו אָוועקגעקומען, — זאָל דער ראַבינאַט געבען אויסקונפטען וועגען דער פערזאָן פון זיסל פאָשלאַדעק, צי זי איז אַ פריילין, אַן אַלמנ'ה אָדער גרושה.

דער ראַבינאַט פאָרשט איצט אויס דעם ענין.

געגנב'עטע ספר-תורות פון לאדז

געפינען זיך אין מלאווע.

(-) די מלאַווער קהלה האָט זיך געווענדעט צום לאָדזער ראַבינאַט מיט אַ בריף, אין וועלכען זי טיילט מיט, אַז אין מלאַווע זענען געפונען געוואָרען 3 ספר-תורות, וועלכע שטאַמען פון אַ גנבה. לויט אַלע סמנים זענען די ספרים פון לאָדז.

דערווייל געפינען זיך די ספרים אין רשות פון מלאַווער פראָקוראָר און אַזוי ווי די מלאַווער קהלה האָט שוין געמאַכט אויסגאַבען 50 זלאָטעס ביים אָבנעהמען די ספרים, קען דער לאָדזער ראַבינאַט, נאָכ'ן צושיקען די 50 זלאָטעס, אָפנעהמען די ספרים.

פון געריכט.

א בינאַמיסט, א דאָקומענטען-פעלשער און נאך עפּעס...

(אז) דאָס לאָדזער קרייז-געריכט האָט נעכטען בעטראַכט דעם פּראָצעס געגען דעם 51-יעהריגען טאָמאַש טשערניאַווסקי, וועלכער איז געווען בעשולדיגט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט 2 ווייבער, געפעלשט זיינע דאָקומענטען און אויסגענאַרט ביי פערשידענע מענשען געלד.

דאָס געריכט האָט טשערנאָווסקי'ן פער'משפט אויף 1 יאָהר טורמע.

פאַר פעלשען דאָקומענטען פון ארבײַטסלאָזען-פאָנד.

(אז) נעכטען האָט דאָס לאָדזער קרייז-געריכט בעטראַכט דעם פראָצעס געגען קאָנסטאַנט, דוטקיעוויטש און איגנאַצי גורקאַ, וועלכע זענען געווען בעשולדיגט, אַז זיי האָבען געפעלשט דאָקומענטען פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד, צו קענען בעקומען שטיצע.

דאָס געריכט האָט פער'משפט גורקאַ'ן אויף 3 חדשים טורמע; דוטקיעוויטש איז פריי געוואָרען.

א יודישע אדוואָקאַטין.

פאָריגע וואָך האָט אין וואַרשאַ אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אויף אַדוואָקאַט-אַפּליקאַנטין ביים וואַרשאַווער אַפּעלאַציע-געריכט די לאָדזער פריילין אַנאַ הענכאָוויטש.

זי איז די ערשטע יודישע פרוי אין לאָדז, וואָס האָט אויסגעהאַלטען דעם דאָזיגען עקזאַמען.

פון שוסטער-מײַסטער-פעראײַן

דער שוסטער-מייסטער-פעראיין פייערט דעם 5. מערץ ד. י. דעם 10-יעהריגען יובילעאום.

דער יובילעאום זאָל זיין פערבינדען מיט אַ איינווייהונג פון אַ פאָהן, ווי אויך מיט אַ קאָנפערענץ פון שוסטער-מייסטער פון לאָדזער וואָיעוואָדזטוואָ.

* * *

דער שוסטער-מייסטער-פעראיין האָט צוריקגעצויגען זיינע דעלעגאַטען פון דער אָרגאַניזיר קאָמיטע, וועלכע האָט גענומען די אויפגאַבע אַדורכצופיהרען די פעראייניגונג פון אַלע האַנדווערקער אין לאָדז.

מאַסקען-באַל פון „טאַז“.

היינטיגען שבת קומט-פאָר אין פילהאַרמאָניע-זאַל דער גרויסער יעהרליכער מאַסקען-באַל פון דער געזעלשאַפט „טאַז“.

צום מאַסקען-באַל ווערען צוגעגרייט פיל איבעראַשונגען און אַטראַקציעס.

טײַלווײַז ליקווידירט דעם טעקסטיל - ארבײַטער-שטרײַק אין זגערזש.

(ב) 9 פאַבריקאַנטען אין זגערזש האָבען נאָכגעגעבען די פאָדערונגען און מיט זיי זענען געשלאָסען געוואָרען בעזונדערע אָפמאַכען.

צוליב דעם, וואָס אין אַ רייה וועבעריין דויערט נאָך דער שטרייק, איז נעכטען דער וויצע-אַרבייטס-אינספעקטאָר כאַסאַלסקי אַרויסגעפאָהרען קיין זגיערזש, כדי צונויפצורופען אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ מיט די אַרבייטער און פאַבריקאַנטען וועגען ליקווידירען דעם סכסוך.

פון „רעדוטאַ“.

„דאס ליכט פון אויען“.

אין קינאָ - טעאַטער - רעדוטאַ“ ווערט איצט דעמאָנסטרירט דער פילם אונטערן נאָמען „דאָס ליכט פון אָזיען“. דער סצענאַר פון דעם פילם איז אויפגעבויט לויט די בודדיסטישע לעגענדעס און איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין אינדיען.

אַ גוטען איינדרוק מאַכען די בילדער פון די אַלטע בודדיסטישע טעמפלען, די ריזיגע עלעפאַנטען-קעמפען און רעליגיעזע מאַסען-צערעמאָניעס.

דער פילם איז אילוסטרירט מיט אַ הערליכער מוזיק און כאָר-געזאַנג.

הילף-אקציע לטובת די פאלעסטינער יודישע ארבייטסלאזע.

די פרייטאג'דיגע אקאדעמיע אין „פילהארמאניע".

אלס התחלה פון דער הילפס-אקציע אין לאדז פאר די פאלעסטינא-ארבייטער איז פרייטאג אין פילהארמאניע פאר-געקומען א פייערליכע אקאדעמיע פון די „פועלי ציון". הונדערטער מענשען האבען נישט געקענט אריינקומען אין זאל, ווייל ער איז שוין געווען איבער-פולט. נאך איידער די אקאדעמיע האט זיך אנגעהויבען די אקאדעמיע עפענט מיט א קורצער רעדע ראטמאן האלענ-דערסקי, וועלכער קלערט אויף די צי-לען פון דער אקציע פון דער יודישער ארבייטערשאפט אין פוילען פאר די יודישע ארבייטער אין א"י. נאכדעם ווי דער ארקעסטער שפילט די ארבייטער-שבועה, בעקומט דאס ווארט דער פועלי ציוניסטישער סוער פון א"י פעטערזייל. ער דערצעהלט וועגען די העראאישע מאמען פונ'ם יונגען ארבייטער-קאלעק-טיוו און וועגען זייער פערזענליכער איבערגעגעבענהייט צו זייער ארבייט וועגען דעם בעוואוסטזיין פון זייער ראל אינ'ם איבערבוי פון יודישען ווירטשאפטליכען לעבען, און רופט די יודישע ארבייטער צו שטיצען מאראליש זייערע חברים, וואס טוען בשליבות זייער ארבייט.

נאך דער רעדע, וועלכע איז אויס-גענומען געווארען מיט אפלאדיסמענטען, שפילט דער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער ליטונג פון דיר. רידער איינינע אריענטאלישע מאטיווען און דער יונגער דיכטער מישא העלמאן לייענט פאר איינינע לידער פונ'ם א"י דיכטער מאפיערניקאוו או די בעקאנטע ארטיסטין פרל. רות רענע דעקלאמירט מיט ערפאלג א רייהע לידער, וואס האבען שטארק אויסגענומען ביים עולם.

מיט א לאנגער רעדע איז דאן ארויס-געטראטען ה' זורובבל. ער האט גע-שילדערט דעם קאמפף וועג פונ'ם יודי-שען ארבייטער, וואס איז שטענדיג גע-ווען אויסגערעכענט אויפ'ן קורצען הייס און געדארפט זיך צוליב דער נישטיג-קייט פון די עיפאלגען ווידערהאלען זעהר אפט, פערוועגענדיג דערביי דעם מאקסימום-ענע גיע. און נאר מיט'ן אריינ-נעהמען דעם א"י מאמענט אין קרייז פון זיינע אויפגאבען, ווערט פולער און פולקאמער דער קאמף פון דעם יודישען ארבייטערשאפט. דאס נייע א"י, זאגט דער רעדנער, איז נישט נאר א ווערק, וואס ווערט געשאפען דורך די דארפיגע יודישע ארבייטער פאר זיי אליין, זיי שאפע די פארמען פון א געזונדען נאר-מאלען יודישען לעבען פאר אלע. אוי בער-געהענדיג צו דער איצטיגער לאגע פון דער ארבייטערשאפט אין א"י, ווייזט אן דער רעדנער אויף דעם מוטיגען און ענערגישען פערטיידיגען פון זייערע שוין דערארבערטער פאזיציעס און רופט די יודישע ארבייטערשאפט אין פוילען צו שטיצען זייערע חברים אין פאלעסטינא.

בעת דעם קריזיס וואס האט אויס געבראכען אין א"י האבען זיך אלע גרופען צוריקגעצויגען. איין שיכט איז געבליבען אין פולען בעוואוסטזיין פון איהר גרויסער ראלע און האט אפילו נישט אויפגעהויבען די פראגע וועגע או כוואנדערען פון לאנד – דאס זענען די יודישע ארבייטער פון אלע גרופי-רונגען. אנהויבענדיג פון די רעכטע גרופען „הפועל מורח" און ענדיגען מיט די לינקסטע – „פועלי ציון" און די „יהוד"-גרופען, זענען זיי אלע בעשעפ-טיגט מיט דער פראגע פון שאפען א מעגליכקייט פון א וועלכער ס'איז נישט ארבייט, כדי צו קענען ווי אזוי ס'איז נישט מיט די גרעסטע אנשטרענגונגען זיך איינציהאלטען אויף די שוין ער-אבערטע פאזיציעס.

און איצט האבען די יודישע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, וועלכע בעטראכט די א"י חברים אלס זייער אוואנגארד, בעשלאסען פארצינעהמען א חבר'ישע הילפס-אקציע-זאמלונג און די געזאמעל-טע געלדער אריבערשיקען קיין א"י צו דער אלגעמיינער ארבייטער ארגאניזא-ציע (הכתדרות הכללית), וועלכע זאל כאטש טיילווייז קענען לינדערען די ארבייטסלאזיגקייט. די דאזיגע אק-ציע האט א דאפעלטע בעדייטונג: די ריין מאטעריעלע הכנסה און די מאראַ-לישע שטיצע פון דער אוועלטליכער יודישער ארבייטערשאפט.

די רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט רוישיגע אפלאדיסמענטען. דער סימפאנישער ארקעסטער שפילט ווידער איינינע אריענטאלישע מאטיוון און די אקאדעמיע ווערט פערענדיגט מיט דער פועלי-ציוניסטישער שבועה.

ווער האט דעם נומער 76,258?

דער געווינס פון 25 טויזענד זל. איז אריינגעפאלען קיין לאדז.

25,000 זל. נומער	.76258
2,000 זל. נומערן:	30651 57751.
1,000 זל. –	54296 55220 66450 72402.
600 זל. –	12828 35051 56589 65620 73085 76855 77161 78965.
500 זל. –	9454 9661 13257 14987 20571 22534 32798 39797 41311 43405 43781 44335 48106 48418 49650 52190 64382 73347 73879 78771.

מעלדונג.

חברים-ות פון „החלוץ המרכזי" בלודז.

אכטונג!

היינט 6,30 אין אווענד קומט פאר א חברים שמועס מיט דער בעטייליגונג פון ה' דוד באַ-ראוואַ (מיטגליד פון דער א"י-דעלעגאציע).

אלע ווערען אויפגעפאדערט צו קומען.

בענעפיס

פון דעם בעגאבטען ארטיסט נעסטלבערגער אין דייטשען טעאטער.

די בעזוכער פון דייטשען טעאטער אין לאדז האבען זיך אויסגעקליבען פאר זייער ליבלינג, דעם ארטיסט נעסטל-בערגער.

און נישט אומזיסט: נעסטלבערגער איז זעהר א פעהיגער ארטיסט און פאר דער אפערעטע איז ער א קראפט, וועל-כע לאזט זיך נישט פערבייטען. נעסטל-בערגער'ס טאנצען איז שטענדיג א מייסטער-שטיק. עס איז דעריבער צו דערווארטען, אז אויף זיין בענעפיס וואס קומט פאר דאנערשטאג וועט דער קינסטלער בעווייזען וואס ער קען.

ס'ווערט געשפילט די אפערעטע „פריהלינגס-לופט" מיט'ן בענעפיציאנט אין דער הויפט ראל.

פון אונזער קאאפעראטיווער בעוועגונג.

די וואקסענדע קאאפעראטיווע בע-וועגונג, דאס ענטשטעהען אין לאדז פון נייע סוחרים-קאאפעראטיוון, די ענטוויקלונג פון די אלטע קאאפעראטי-וועו – צווינגען אונז צו ווערען אויפ-מערקזאם אויף דער דאזיגער, זעהר וויכטיגער און נוצליכער ווירטשאפטלי-כער ערשיינונג.

מיר האבען שוין אדורכגעלעבט דעם שווערסטען פעריאד פון קאפיטאל-הונ-גער, פון פאטאלען קרעדיט-מאנגעל. דער דערמאהנטער פעריאד האט זיך אמ-שטארקסטען אפגערופען אויפ'ן יודישען מיטעלען און קליינעם סוחר. אויב די אינדוסטרי האט נאך געקענט רעכענען אויף געוויסע קרעדיטען אין „באנק-פאלסקי" – האבען די יודישע סוחרים, אלס „נישט פראדוקטיווער" עלעמענט, ווי עס האלטען די מיסגעבענדע פאק-טארען אין די עמיסיע-אינסטיטוציעס, וועגען אזעלכע קרעדיטען נישט קענען אפילו חלומ'ען.

ביי די דאזיגע בעדינגונגען איז די איינציגע רעטונג דאס ארגאניזירען פון קרעדיט-אינסטיטוציעס מיט א קאאפע-ראטיווען כאראקטער, דאס איז געווען דער געבאט פון דער שעה. איינע פון די ווירטשאפטליך-נויטיגסטע און פער-דינסטפולע יודישע אינסטיטוציעס אין לאדז איז – די לאדזער דיסקאנטא-באנק (פיעטריקאווער 43).

זאלען מיר זיך צוקוקען צו דער ענט-וויקלונג פון דאזיגען קאאפעראטיוו. די אינסטיטוציע איז געגריגדעט געווארען אין פעברואר 1922 און האט געהאט הינטער זיך די פרעכטיגע טראדיציעס פון אזא וויכטיגער אינסטיטוציע, ווי ס'איז די פאר מלחמה'דיגע „געגענזייטיגע קרעדיט-געזעלשאפט". דער פאי-קאפיטאל האט אין אנהויב בעטראפען 10 מיליאן מארק, און שוין אין יאהר 1923, האט דער פאי קאפיטאל בעטרא-פען 343 מיליאן מארק, וואס האט ביים איבערוואלוטירען אויסגעמאכט אין יאהר 1924 די נישטיגע סומע פון 191 זלא-טיס און 77 גראשען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די פאי-בעזיצער, זייענדיג איבערצייגט וועגען דער וויכטינקייט פון דער עקזיס-טענץ פון אזא אינסטיטוציע פאר די ברייטע יודישע סוחרים-קרייזען, האט בעשלאסען צו פערגרעסערען דעם פאי-קאפיטאל דורך נייע זלאטי-איינלאגען.

און אזוי האט דער פאי-קאפיטאל אין אקטאבער 1926 געוואקסען ביז 82 טוי-זענד זלאטיס. איצט בעטרעפט דער פאי-קאפיטאל אנ'ערך 110 טויזענד זל. די סומע האט א 10-פאכיגע האפטונג און איז אינגאנצען איינגעצאהלט גע-ווארען.

די אלץ וואקסענדע אנמעלדונגען פון מיטגלידער פון די יודישע סוחרים-קרייזען גאראנטירען פאר דער ווייטער-דיגער ענטוויקלונג פון דער דאזיגער אינסטיטוציע.

די באנק געניסט פון א בעדייטענדען קרעדיט אין דער צענטראל-אינסטיטו-ציע פון די קאאפעראטיווע בענק אין ווארשא, עס ווערען אויך געמאכט בעמיהונגען וועגען א רעדיסקאנטא אין „באנק פאלסקי".

די דאזיגע בעמיהונגען דארפען זיך אינגיכען ענדיגען מיט ערפאלג, נעהמענ-דיג אין אכט די ווירטשאפטליכע בע-דייטונג פאר די ברייטע סוחרים-קרייזען און די בעקאנטע פינאנציעלע סאליר-קייט פון דער דיסקאנטא-באנק.

די אויפגאבע פון דער באנק איז צו זיכערען די מיטגלידער א ביליגען קרע-דיט, אינקאסא און אנדערע באנק-אפע-ראציעס. ספעציעל האבען זיך ענטווי-קעלט די אפעראציעס, וועלכע זענען בעשטאנען אין געבען די מיטגלידער א קאנטא אויף אינקאסע. וועגען דעם צושרויי, [וואס מ'האט צו דער באנק קען דינען דער פאקט, וואס די סומע פון איינלאג-קאפיטאל איז לעצטענס גע-וואקסען ביז א האלב מיליאן זלאטיס.

היינט איז די דיסקאנטא-באנק די דריטע בנוגע דער גרויסקייט צווישען אלע יודישע קאאפעראטיווע-בענק אין פוילען.

ס איז כדאי צו בעטאנען, אז אין הסכם מיט'ן געזעץ וועגען קאאפערא-טיווען האט א קאאפעראטיוו-באנק אוי-טאמאטיש דעם ווייזען רעכט, ווען דער פאי קאפיטאל איבערשטייגט 100 טויז. זל.

אזוי שטעלט זיך פאר אין אלגעמיינע שטריכען דער בילאנס פון דער 5 יעה-ריגער טעטיגקייט פון דער באנק.

אלץ ווייזט אן דערויף, אז די באנק בעזיצט געזונדע יסודות און איז אונ-בעדינגט א נויטיגע אינסטיטוציע פאר די לאדזער יודישע סוחרים און אלס אזעלכע מוזען זי בעקומען די אונבע-גרענצטע אונטערשטיצונג מצד דעם יודישען סוחרטום, דאס ליגט אין איי-גענעם אינטערעס פון די לאדזער סוחרים.

M. W.

די ארץ-ישראל-דעלעגאציע

אויף א פרויען-פערזאמלונג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווילען פון דער ארץ-ישראל-דעלעגאציע אין אונזער שטאדט איז נעכטען אין אוונד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער אר-גאניזאציע פארגעקומען א גרויסע פרוי-ען-פערזאמלונג.

די פארזיצענדערין פ' וי קאצענעל-בויגען בעגריסט די אנוועזענדע חשוב'ע געסט, ד"ר שמריהו לעווין און ה' ש. טשערנאוויטש און ערטיילט דאס ווארט ד"ר לעווין, וועלכער האלט א גייסטרייכע רעדע.

„די פרוי, זאגט ד"ר לעווין, דארף זיין עמפינדליכער פאר דעם ארץ ישראל-אויפבוי-פראבלעם ווי דער מאן, ווייל זי איז לויט איהרע וועגען נאהענטער צו דער קונסט, צום אידעאל. לויט דער לעגענדע זענען אדם און חוה איין מענש, דאס איז דער סימבאל פון דער הארמאניע וואס איז א נויטווענדיגקייט בעזונדערס אין לעבען פון א פאלק. די יודישע פרוי, וועלכע ערציהט דעם יונגען דור, דארף שטרעבען צו שאפען דאס הארמאנישע, די גאנצקייט אין דער ערציהונג. דאס איז איהר נאציאנאלע אויפגאבע וועלכע קען פולקאם פער-ווירקליכט ווערען נאר אין ארץ-ישראל, וואו עס איז דא די מעגליכקייט צו שאפען אנ'איינהייטליכע יודישע קולטור אויף אונזער אייגענער שפראך, מיט אייגענע לעגענדען, אונטער אונזער אייגענעם הימעל און אייגענע שטערן.

רעדענדיג וועגען דעם איצטיגען קרי-זיס אין ארץ ישראל, וועלכען ער בע-צייכענט אלס פאריבערגעהענדער, בע-טאנט ד"ר לעווין, אז ארץ-ישראל קאן געבוים ווערען נאר דורך נאציאנאלער אנשטרענגונג. משה הס האט געזאגט, אז יעדע יודישע פרוי איז פעהיג צו ווערען א „מאטער דאלאראזא" און צו ברענגען אויף דער וועלט א משיח; דורך אנשטרענגונגען פון אלע כחות און ווער-טען פון פאלק וועלען מיר ברענגען די גאולה. אהן אונזערע אייגענע אנ-שטרענגונגען וועלען מיר גארנישט האבען.

ד"ר ש. לעווין רופט צו לעצט די פרוי צו אנשטרענגונגען לטובת דעם אויפבוי פון א"י. „די פרוי דארף זיין א יידישע פרוי און נישט בלויז א ווייב – פערענדיגט דער רעדנער.

דער צווייטער רעדנער ה' ש. טשער-נאוויטש זאגט א.א.: „מיר בויען א לאנד פאר'ן גאנצען יודישען פאלק. הגם דאס פראבלעם פון גאנצען פאלק איז איצט אין א"י נאך נישט פערווירקליכט גע-ווארען, אבער יעדער יוד בעזונדער קאן שוין געפינען אין ארץ ישראל זיין גייסטיגע בעפרידיגונג. דער יוד פיהלט זיך אין א"י בעסער, בעקוועמער, ער האט א יודישע סביבה, ער האט די מעגליכקייט צו פייערן פרייער זיינע ימים טובים און שבת, דער רעדנער אילוסטרירט ווי די יודישע קינדער און יוגענד פייערט חנוכה, חמשה עשר בשבט א.א.וו. אין דער יודישער שטאט, אין יודישען דארף און אין דער יודי-שער כבבה, אין גלות מוז דער יוד זיך צופאסען צו אלעם ארומיגען, אין א"י אבער פאסט זיך אלעס צו צו איהם. דא איז דאס געפיהל פון היסטארישען צוגעבונדענקייט, פון די קינדער צו די עלטערן און צום לאנד, דאס יודישע קינד לערנט אויך זיין אייגענער שפראך און ער העברעאיזירט די סביבה.

דער רעדנער פערענדיגט אויך מיט א רוף צו דער יודישער פרוי זי זאל ערפיהלען איהר נאציאנאלען חוב.

די פערזאמעלטע דאנקען די רעדנער מיט אפלאדיסמענטען און צולעצט פער-שריבען זיך די אנוועזענדע צו דער ארבייט לטובת ארץ ישראל

די וועלכע אזעוו האט פעראטעז (זעה 6-טע זייט).

פערבאנד פון די לאדז. קינא-טעאטערס
זאווי פון די קינא-ליבהאבער ארדנען איין דעם 19-טען פעברואר ד. י. אין די זאלען פון „גראנד-קינא" – דעם
ערשטען פילם-מאסקען-באל
א. נ.: „א נאכט אין האליוואוד"
אונצעהליגע אטראקציעס און איבערראשונגען! די סענסאציע פון קארנאוואל-סעזאן: פילם-אויפנאהמען פון אלע אנטיילנעהמער
ווי אויך וואהל פון א קעניגין און לאדז, וועלכע בעקומט א יעהרליכען פריי-בילעט אין אלע קינעמאטאגראפען פון פוילען. אויסצרעס: 3 פריזען פאר דעם בעסטען כאראקטערזיזרען פון בעקאנטע פילם-שויספילער. – ליכט בילדער.– ביהנע-אטראקציעס. – 3 ארקעסטערס, – בופעט פון גראנד-האטעל.–הויך ארגינעלע דעקאראציעס.
איינטריטס-קארטען צו 8 זלאטעס פערקויפען פון 15-טען ד. ח. די קאסעס פון די קינא'ס „לונא", „רעדוטא" און „גראנד-קינא".

אפאריזער חתן און א ווארשאווער כלה

א שידוך פון 14 יאהר צוריק.-די מלחמה צושטערט דעם שידוך.-דער פאריזער חתן האט חתונה אין פראנקרייך און די ווארשאווער כלה האט חתונה אין ווארשא.-דער פאריזער האט נישט קיין מזל צו האבען קינדער און לעבט אומגליקליך.-שיקט א שליח איבערצובעטען זיין אמאליגע כלה.-פאר 10000 דאלאר וויל ז' מוחל זיין.

איזידאר ה., א געבוירענער אין פאריז, א זוהן פון דעם אנגעזעהענעם קאנפעקציע-פאבריקאנט אין א קליין שטעטעל הינטער פאריז — האט זיך אין אנהויב פון יאהר 1913 ארויפגעכאפט קיין ווארשא כדי דורכצופיהרען א שטיקעל טראנזאקציע מיט עטליכע היגע סוחרים פון דער קאנפעקציע-בראנזשע.

אלט איז ער דעמאלט געווען בסך-הכל 22 יאהר, פול מיט לעבען.

ער האט כמעט יעדען אווענד איינגעארדנעט ביי זיך „וויעטשארקעס", אויף וועלכע ער האט פערבעטען זיינע בעקאנטע סוחרים.

אויף איינעם אזא אווענד האט זיך צווישען אנדערע אויך געפונען דער בעקאנטער קאנפעקציע-סוחר מ. ב. פון שווייערסקא גאס מיט זיין 20 יעהריגע טאכטער מרים.

דאס דאזיגע מיידעל איז געווען די שענסטע פון אלע געסט און איזידאר האט גלייך געווארפען אויף איהר אן אויג און האט זיך אנגעהויבען בעמיהען, אז אויך ער זאל געפינען חן אין מרים'ס אויגען.

אין אנהויב איז דער ענין צוגעגאנגען א ביסעל שווערליך. איזידאר איז אבער נישט אפגעשטאנען. ער האט אנגעהויבען קומען צו מרים'ס פאטער אין שטוב אריין, פארגעלעגט איהם א גאנצע רייה געשעפטען אויף גינסטיגע בעדינגונגען, אפט פערברענגט מיט מרים'ן און סוף-כל-סוף איז איהם געלונגען זיך אריינצוגנב'ענען אין איהר הארץ.

צוליב פערשטענדליכע טעמים, איז אויך איהר פאטער נישט געווען געגען דעם שדוך, און צוויי וואכען ארום זענען געפראוועט געווארען גרויסארטיגע תנאים און מען האט שוין אנגעהויבען מאכען אלע פארברייטונגען צו דער חתונה.

דערווייל איז איזידאר אבגעפאהרען צוריק אהיים און מען האט אבגעשמועסט, אז ווען אלע פארברייטונגען וועלען זיין געענדיגט, וועט איזידאר ארויפקומען קיין ווארשא מיט זיין פאמיליע און ס'וועט געפראוועט ווערען די חתונה

אזוי זענען אוועקגעגאנגען עטליכע חדשים און ווען מרים האט שוין דא געהאט א פיינעם אויסשטייער, ס'זענען שוין געווען פאר'ן גייעם פארל אויסמעבלירט דריי שעהנע צימערן און איזידאר האט שון געדארפט בעשטימען א זמן-חתונה — איז אויסגעבראכען די גרויסע וועלט-מלחמה. איזידאר איז אריינגעצויגען געווארען אין מיליטער, און איז אוועק אויפ'ן פראנט.

ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט און איזידאר איז אהיימגעקומען פון עסטרייכישען געפאנגענען-לאגער — האט ער אן מרים'ן שוין אינגאנצען געהאט פערגעסען...

ער האט זיך נאהענט בעפריינדעט מיט זיין טאטענס שוועסטערן טאכטער, א בת יחידה פון א גרויסען פאבריקאנט אין ליאן.

ס'האט נישט לאנג געדויערט, איז צווישען דעם פארל געשלאסען געווארען א שדוך און מיט בערך 8 יאהר צוריק — האבען זיי חתונה געהאט.

אין צוויי יאהר ארום איז דער שווער געשטארבען, די פאבריק איז איבערגעגאנגען צו איזידאר'ן און אין יענער געגענד האט מען זיין פערמעגען געשאצט אין עטליכע מיליאן דאלאר.

ביי דעם אלעם, האט איזידאר זיך דאך נישט געפיהלט גליקליך, ווייל עס האבען זיך ביי איהם נישט געהאלטען קיין קינדער.

דריי קינדער האט זיין ווייב איהם אין פערלויף פון 6 יאהר געבוירען און קיין איינס האט נישט געלעבט מעהר ווי א יאהר.

מיט עטליכע חדשים צוריק איז איזידאר'ס ווייב טראגען-געווארען און ווידער האט זיך ביי דער קליינער פאמיליע אנגעהויבען א לעבען פון כסדר'דיגען צער און שרעק.

צופעליג האט איזידאר זיך דערמאנט אן זיין אמאליגער ווארשאווער כלה און איהם איז איינגעפאלען, אז דאס גאנצע אומגליק איז א עונש געקומען צוליב דעם, וואס די כלה האט איהם נישט מוחל געווען.

נישט געקלערט קיין סך, האט ער גלייך ארויפגעשיקט קיין ווארשא א ספעציעלען שליח כדי אויפצוזוכען מרים'ן און פועל'ן ביי איהר, זי זאל איזידאר'ן מוחל זיין.

געקומען קיין ווארשא, האט איזידאר'ס שליח זיך דערוואוסט אז מרים האט שוין לאנג חתונה געהאט, האט שוין צוויי קינדער און אז קיין איבעריג גרויסע גביר'טע איז זי נישט.

ווען יענער איז געקומען צו מרים'ען, זיך פאר איהר פארגעשטעלט און איהר דערצעהלט, וועגען זיין שליחות האט מרים ערקלערט, אז פאר דער שאנדע, וואס איזידאר האט איהר אנגעטון, וועט זי איהם קיינמאל נישט מוחל זיין.

און ווען דער בעפולמעכטיגטער איז 8 טאג כסדר צו איהר געגאנגען און זיך אלץ בעמיהט צו ברעכען איהר עקשנות, האט זי סוף-כל-סוף איינגעשטימט איזידאר'ן מוחל צו זיין. אבער נאר דאן, ווען יענער וועט איהר דערפאר געבען — צעהן טויזענד דאלאר.

Dr. PRYBULSKI
צוריקגעקעהרט.
זאמענהאפא 1, טעלעפאן 25-38
וענערישע און האר - הויט - קראנקהייטען, מענער-שוואכע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל), רענטגען-שטראהלען.
נעמט אן פון 9—1 און פון 4—8 אווענד. דאמען: פון 4—5 נאכם.

Dr. med. EYCHNER Jakób
Aleja 1-go Maja 16, Tel. 11-24
אינערליכע- און קינדער-קראנקהייטען. נעמט אן פון 6—7, זונטאג פון 3—4.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען. ספעצ. לונגען און הארץ קראנקהייטען בעשטראהלונגען מיט קונסטליכער בערג-זון.
נעמט אן פון 3—5 נאכמיטאג

יורידישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייע פאלקסבלאט" אנטווארטען אויף יורידישע אנפראגען, וואס ווערען צוגעשיקט נאר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.
יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט"

בעם דערלאנגען אן אנפראגע אויף א יורידישע עצה דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון טאג, ווען די אנפראגע ווערט אריינגעגעבען. אויף אנפראגען אהן קופאן וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

גילטיג דעם 5 . פעברואר 1927.

4002. י. ב.

עס איז א פראגע וועגען וואס פארע פירמע עס האנדעלט זיך אייגענטליך, צו וועגען אן איינלענדישע אדער אויסלענדישע. אין ערשטען איז די דיספאזיציע מיט אויסלענדישע וואלוטע נישט בעגרעניצט, סיידען די סומען אין אויסל. וואלוטע זענען איינגעפלאסען אלס דעקונג פאר עקספארטירטע סחורות.

4003. א לעזער פון רושנאווסקא.

מען קאן די מעטריקע אויסבעסערן. דערצו איז בערופען די ציוויל-אפטיילונג ביים קרייז-געריכט.

4004. פלאשקא.

מען קאן פערבייטען די געלד-שטראף אויף ארעסט אבער נאר אין דעם פאל ווען עס איז אוממעגליך איינצומאנען די געלט-שטראף פון פערמעגען אדער הכנסות פון פער'משפט'ן, ווען דאס איינמאנען וואלט געדארפט דויערן א צו לאנגע צייט אין פערגלייך מיט דער שטראף אדער ווען דאס איינמאנען די געלד-שטראף וואלט צוגענומען ביים פער'משפט'ן די מעגליכקייט אויסצוהאלטען זיין פאמיליע. צוליב א קליינע שטראף וועט מען אייך דאס הויז נישט פערקויפען.

4005. א לעזערין פון ווסכאדניא.

אייגענטליך איז דער חוב שוין פערעלטערט. נישט מעהר, אויב דער בעל-חוב וועט זיך אויף דעם אומשטאנד נישט בערופען, וועט אייך דאס געריכט די סומע צו'משפט'ן.

4006. קאלעצקי.

אויב איהר ווערט נישט פערפאלגט צוליב אנדערע פערברעכען, איז דער ענין נישט אזוי ערנסט. מען קאן אייך צוציהען צו גריכטליכע פעראנטווארטליכקייט לויט'ן ארט. 272 פונקט 1 אדער 273. איןביידע פאלען דראהט אייך נישט מעהר ווי ארעסט עווענטועל א געלד-שטראף.

-- -

4007. רוסאק פון קילינסקיעגא 12.

4008. א שט. לעזער פון פ. 37.

4009. „איש".

4010. ש. ר. פון לעשנא 43.

4011. א לעזער פון פעפער גאס № 20

4012. ע. ז. פון וואלבארסקא.

4013. חיה שרה.

4014. א לעזער פון גייערס ראיאן.

4015. א לעזער פון אלעקסאנדראווסקא

4016. א שט. לעזער פון פאלנאצגא.

4017. א לעזער פון גייערס מארק.

4018. שט. לעזער פון אלעקסאנדרערינסקא.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט אין רעדאקציע טעגליך פון 3 ביז 4 נאכמיטאג, מיטברענגענדיג די צייטונג.

4019. א קאנפעקציאנער פון נאוואמיעסקא.

לויט'ן פונקט B ארט. 1 פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט פון 31. אויגוסט 1926 האט די מאפט דאס רעכט זיך געגענצושטעלען דער מייערונג פון די פרייזען אויך פון מלבושים.

4020 אסקאנאס

לאקאלען פון חדרים זענען בעפרייט פון וואוינונגס-שטייער דאגעגען די וואוינונגען, וועלכע זענען פערנומען דורך די מלמדים—נישט.

Dr. med. H. LUBICZ
ציעגעלניאנא 43, טעל. 41-32.
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. 606 באהאנדלונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל)
נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אווענד

די, וועלכע אזוי האט פערראטען.

לויט די זכרונות פון בארים סאווינקאוו.

(10

— יאנעק.

— וואס איז?

— געה.

ער איז צוגעגאנגען צו מיר, מיך א קוש געטון, און שנעל מיט זיין שטהנעם און לייכטען גאנג, זיך געלאזט אנטיאגען סאזאנאוו'ן. נאך איהם איז פאמעלעך געגאנגען סיקארסקי, און איך האב זיי בעגלייט מיט די אויגען. איך האב די בליקען נישט געקענט אפרייסען פון זיי.

אקעגען די שטראהלען פון דער זון האבען די מעשענע קנעפ פון סאזאנאוו'ס אוניפארם אזוי שעהן געבלישטשעט. די גרויסע צוועלף פונטיגע באמבע האט ער אפען געטראגען אין דער רעכטער האנד, אונטער דער פאכווע. פון דער ווייטענס האט מען געקענט זעהן ווי עס איז איהם שווער צו טראגען אזא משא.

איך האב זיך פערקירעוועט צוריק מיט דער סאדאווער גאס, און דורך דער וואזנעסענסקע, בין איך ארויף אויפ'ן איזמאילאווסקי פראספעקט, כדי זיך דערנאך צו טרעפען מיט די באמבען-ווארפער אויף א געוויסען פונקט.

אזוי שנעל ווי איך האב נאר א קוק געטון אויף דער גאס, האב איך גלייך דערקענט, אז באלד וועט זיך בעווייזען פלעווע'ס קארעטע. אלע פאליצייסטע, וואס זענען אין גאס געשטאנען, האבען זיך אויסגעצויגען גלייך ווי סטרונעס; און אלע ווינקעלעך האבען זיך בעוויזען שפיאנען.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער זיבעטער ראטע פונ'ם איזמאילאווסקע פאלק, האב איך דערזעהן ווי דער פאליציסטע, וואס שטעהט דארטען, גיט א כאפ די האנד צום דאשעק פון היטעל און ציהט זיך אויס גלייך, אין דעם זעלבען מאמענט האב איך פון דער ווייטענס דערזעהן ווי סאזאנאוו שפאנט אויף דער בריק. געשפאנט האט ער פונקט ווי פריהער — דעם קאפ אויפגעהויבען אין דער הויך און די גרויסע באמבע אונטער דער פאכווע.

באלד האב איך דערהערט ווי אונטער מיר פאהרט א קארעטע. אין איין אויגענבליק איז די קארעטע פערבייגעפאהרען נעבען מיר. איך האב דערקענט די צוויי שווארצע פערד. קיין לאקיי איז אויף דער קאזלע נישט געזעסען, הינטען איז געפאהרען א שפיאן, און ווי עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען, איז דאס געווען דער בעוואוסטער אגענט פון דער געהיים-פאליציי, פרידריך הארטמאן. אין אנ'אנדער קארעטע זענען נאכגעפאהרען צוויי אנדערע אגענטען פון דער „אכראנקע".

עטליכע סעקונדען זענען אוועק. סאזאנאוו'ן האב איך מעהר נישט געזעהן, ער האט זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם וואס איז געגאנגען אין גאס. איך האב פערשטאנען, אז ער מוז שוין זיין אויפ'ן איזמאילאווסקען פראספעקט.

די עטליכע סעקונדען האבען זיך פאר מיר געצויגען אונענדליך לאנג; יעדע סעקונדע איז געווען אן אייביגקייט.

אין גאס האט זיך געטומעלט און גערוישט.

מיט אמאל האט זיך דערהערט עפעס אזא שווערער, א שטארקער און א מאדנער הילך, פונקט ווי אימיצער וואלט מיט א שווערען שטאהלענעם המער א זעץ געטון איבער א שטיק אייזען, און באלד זענען אין אלע ארומיגע הייזער ארויסגעפאלען די שויבען פון די פענסטער.

איך האב דערזעהן ווי פון דער ערד גיט זיך א הויב אויף א גרויליך-געלער, געדיכטער רויך, מיט שווארצע פאסען ביי די עקען. דער רויך איז וואס אמאל געווארען ברייטער, העכער און נאך העכער ביז ער האט פערשטעלט די גאנצע גאס און מען האט מעהר גארנישט געקענט זעהן. באלד אבער איז זיך דער רויך צוגאנגען און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אין דעם צוגאנגענעם רויך זעהט מען ווי עס טראגען זיך אין דער לופטען שווארצע שטיקלעך האלץ.

אין דער ערשטער סעקונדע האט מיר פערכאפט דער אטעם און איך האב געפיהלט, אז איך ווער דערשטיקט. איך בין אבער באלד געקומען צו זיך און מיר האט זיך אלץ אויסגעוויזען, אז באלד באלד וועל איך דערהערען דעם ריכטיגען קראך פון דער אויפגעריסענער באמבע.

איך האב זיך געלאזט לויפען מיט דער. גאס צום ווארשאווסקי האטעל. אויפ'ן וועג האב איך דערהערט ווי אימיצער שרייט מיר נאך:

— לויפט נישט אהין; באלד וועט זיין נאך א קראך!.

ווען איך בין צוגעלאפען צו דעם פלאץ, וואו די באמבע האט אויפגעריסען, איז שוין קיין רויך מעהר נישט געווען. עס האט געשמעקט אין דער נאז א רויך פון סמאלינע.

נישט ווייט פון מיר א פאר שפאן פונ'ם פראטואר, האב איך דערזעהן, סאזאנאוו'ן. האלב ליגענדיג איז ער געווען אויף דער ערד, דעם קאפ פערווארפען אין דער רעכטער זייט און מיט דער לינקער האנד אנגעשפארט אין א שטיין. דאס היטעל איז איהם אראפ פון קאפ און די טונקעלע האר זענען זיך צופאלען איבער'ן שטערן. דאס פנים איז ביי איהם געווען בלאס און דא און דארטען, פונ'ם שטערן און פון די באקען, האט גערונען בלוט. די אויגען זענען ביי איהם געווען האלב-פערמאכטע. פונ'ם בויך האט גערונען בלוט; דאס בלוט האט זיך געגאסען ווי פון א קוואל און האט דערגרייכט ביז צו די פיס. א גאנצער טייך פון בלוט.

איך בין צוגעגאנגען צו סאזאנאוו'ן, זיך איינגעבויגען איבער איהם און לאנג זיך איינגעקוקט אין זיין פנים. ער איז געלעגען שטיל, מיט קיין אבר נישט געריהרט, און דאן איז מיר איינגעפאלען, אז עס קען זעהר זיין, ער איז טויט.

— און וואס איז מיט'ן מיניסטער? — האב איך הינטער זיך דערהערט אנ'אומבעקאנטע שטימע. — מען זאגט, אז ער איז ארויס לעבעדיג און איז אוועק.

דאן האב איך געדענקט, אז פלעווע איז געבליבען לעבען און סאזאנאוו איז דער'הרג'עט געווארען.

ווי א פערגליווערטער בין איך אלץ געשטאנען איבער סאזאנאוו'ן. מיט אמאל איז צו מיר צוגעגאנגען א פאליצייסקער אפיציר

(פארטזעצונג קומט).

ווען דאס לעבען בויט זיך איבער...
דער קאמף מיט זיטליכער הפקרות אין רוסלאנד.

די סאוויעטישע פיהרער אין רוסלאנד האבען זיך לעצטענס ארומגעזעהן, אז דאס פאמיליען-לעבען אין דעם דאזיגען גרויסען לאנד, וועלכען זיי האבען זיך גענומען איבערצובויען אויף נייע יסודות, ווערט וואס א טאג מעהר און מעהר צופוילט, אזוי, אז ס'דראהט א געפאהר פאר זייער גאנצער נייער געזעלשאפט, און מען האט דעריבער אנגעהויבען א קאמף געגען דער געשלעכטליכער צעלאזענקייט און הפקרות.

דער דאזיגער קאמף איז אבער כלל נישט אזוי לייכט.

און אט וואס עס דערצעהלט וועגען דעם ענין דער פאלקס-קאמיסאר סעמידאוויטש:

„גאנץ אפט קומען אן אין דער צענטראל-קאמיסיע מעלדונגען מצד פרויען, אז די נאטשאלניקעס, אויף וועלכע די אומגליקליכע פרויען זענען אנגעוויזען, נוצען אויס זייער פריווילעגירטע לאגע און שטעהען צו צו די פרויען און מיידלעך מיט די סאמע מיאוסע פארשלאגען".

אזוי למשל, איז בעטראכט געווארען דער ענין פון איינעם א מארגונאוו, א געוועזענער קאנדידאט פון דער קאמ. פארטיי, וועלכער האט געארבייט אלס אינסטרוקטאר ביים מאסקווער פערבאנד פון די סאוויעטישע און האנדעלס-אנגעשטעלטע.

זיין אויפגאבע איז בעשטאנען אין דעם צו שיקען די יונגע בחורים'לעך און מיידלעך אויף פערשידענע שטעלעס. לאזט זיך אויס, אז קיין איין איינציגע מיידעל האט דורך איהם נישט געקענט בעקומען קיין שטעלע, כל-זמן זי האט זיך נישט געלאזט פון איהם „אויסנוצען"... און אין פאל פון שטארקער עקשנות מצד דער אומגליקליכער מיידעל, פלעגט מארגונאוו פראסט און פשוט זי פערגוואלדיגען.

און אט איז א צווייטער פאל:

איינער א פערוואלטער מיט דער ארבייטער-בערזע אין אן'איוואנער שטאט פלעגט אויסנוצען צוליב זיינע תאוה'דיגע צוועקען די ארבייטסלאזע פרויען.

ס'איז, א.ב. כאראקטעריסטיש, וואס די ביידע, סיי מארגונאוו און סיי דער פערוואלטער, האבען זיך פרובירט „בערעכטיגען" דורך דעם, וואס זייערע „בעציהונגען" צו די פרויען, וועלכע זענען געווען אנגעוויזען אויף זיי זענען אייגענטליך, א פריוואט זאך. ווייל די דאזיגע „בעציהונגען" פלעגען פארקומען נישט אין די אנשטאלטען, וואו זיי ארבייטען..

אזעלכע פאלען, דערצעהלט סימדאוויטש, זענען א גאנץ אפטע ערשיינונג און אלס אילוסטראציע צו דעם, ברענגט ער נאך א פאל, ווען איינער א פארטיי חבר האט אין דער קאמיסיע אריינגעשיקט א בריף פון זיין פרוי אין וועלכען זי קלאגט זיך פאר איהר מאן, אז איהר נאטשאלניק ביי וועמען זי ארבייט, האט איהר געמאכט א מיאוס'ען פארשלאג און דערביי פערשפראכען, אז אויב זי וועט איינגעהן אויף דעם, וועט ער זי איבערפיהרען אויף א העכערען אמט.

אבער נישט נאר די צענטראל-קאנטראל-קאמיסיע איז פערווארפען מיט אזעלכע מינים אנקלאגען מצד די פרויען אויף זייערע נאטשאלניקעס און „וואוילטעטער", אויך די אבטיילונג פאר אגיטאציע און פראפאגאנדע צווישען פרויען ביים צ. ק. פון דער קאמ. פארטיי האט אסך צו דערצעהלען, און די פערוואלטערין פון דער דאזיגער אבטיילונג, די קאמוניסטקע ארטוי בינא מיינט, אז די דאזיגע ערשיינונגען קאנען ערקלערט ווערען דורך דעם, וואס דאס רוב ווייבליכע אנגעשטעלטע פון די פערשידענע סאוויעטישע אנשטאלטען זענען נאך נישט גוט בעהאוונט אין דער קאנצעלארישער ארבייט, עס פעהלען זיי די ריכטיגע דערפאהרונג און די נויטיגע קענטעניסען און דעריבער לעבען זיי תמיד אין איין שרעק, אז מען וועט זיי אבזאגען, אז מען וועט זיי ווידער ארויסווארפען אויף דער גאס מיט דער פערספעקטיוו אויף לאנגער ארבייטסלאזיגקייט, בלייבט פאר זיי נאר איין וועג און דאס איז געמליך, זיך לאזען פערפיהרען פון זייערע נאטשאלניקעס און אזוי ארום ווערען געזיכערט מיט דער שטעלע, וואס זיי האבען אדער אפילו דערהויבען צו ווערען אויף נאך א העכערען פאסטען, אויב נאר זי וועט געפינען גענוג חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון איהר ליידענשאפטליכען נאטשאלניק.

נישט תמיד זענען אבער די מענער אליין שולדיג. עס זענען פאראן גענוג פרויען, וואס פראוואצירען בכיון „גוטע בעציהונגען" מיט זייערע נאטשאלניקעס, כדי צו פערזיכערען זיך מיט זייערע פאסטענס.

וועגען דעם דערצעהלט א פרוי אליין, איינע א בלאגאוועשטשענסקאיא, וואס איז א ריכטערין און האט אסך ערפאהרונג אויף דעם דאזיגען געביט.

„עס זענען – זאגט זי – פאראן א סך פאלען, ווען די פרויען אליין זענען שולדיג כדי צו פערפעסטיגען זייערע פאזיציעס „מאכען זיי אויגעלעך" און גיבען „אויאנסען" זייערע נאטשאלניקעס און דאמאלס זענען ביידע שולדיג. ווען ס'דערגעהט צום געריכט אזא מין ענין, רעכענען מיר זיך דערמיט, צי די פרוי איז אן'אינטעליגענטקע, וועלכע קאן זיין פעראנטווארטליך פאר איהרע מעשים, אדער זי איז א פראסטער חי-וקים, וואס ווייסט אליין נישט דעם זין פון איהרע האנדלונגען".

אבער אזעלכע פאלען זענען גאנץ זעלטען. דאס רוב איז פונקט דער היפוך. דאס רוב נוצען טאקע אויס די נאטשאלניקעס די אומבעהאלפענקייט פון זייערע מיטארבייטערינס, פערפיהרען ראמאנען און מיינען נאך דערביי, אז זיי זענען גאר די נשמה שולדיג, ווייל סוף כל-סוף האנדעלט זיך דא וועגען א „געמיינזאמען פערגעניגען".

דייטש טעאטער. דירעקציע: זעמאן.
היינט, דינסטאג, 8.30 א זייגער אווענד צו פאפולערע פרייזען
„האנני געהט טאנצען"
מיט'ן אנטייל פון גאנצען אנסאמבל.

עדות, טויזענדער עדות.

(ענדע פון דער 3-טע זייט).

פערקראכען צו מיר אהיים. מיין עלטיטשקער איז קיינמאל נישט געקומען צוריק.

אנ'אלטער יוד שטעהט רוהיג און פארבט א טיר, ער וויל נישט רעדען וועגען פערגאנגענע זאכען. ער הייסט קאליוזשנע און ער איז געווען א טעכנישער דירעקטאר אין פארט. איך לאז איהם נישט אפ, ער שפארט זיך אן אין דער וואנד, גיט זיך א רייב דעם שטערן און דערצעהלט:

– ס'איז געווען דער 19-טער פעברואר 1919, זיי זענען אראפ פון די שיפען און אנגעהויבען צו שלאגען די דורכגעהער און ברעכען פענסטער, ארום 5 פארנאכט האט מען מיר מיט מיין זוהן געבראכט אין באראק. מיר זענען געווען בלי גוזמא 500 פארשוין. מען האט זיך פשוט געשטיקט.

– ס'איז שווער צו דערצעהלען, מען האט אויף אונז געשאסען מיט בראנד-באמבעס, רבונו של עולם! מ'לויפט, מ'טרעט איינער אויפ'ן צווייטען, מען לויפט, מ'כאפט א קויל און מ'פאלט, פאטשענדיג מיט די הענד די לופט. עס האט געשמעקט מיט געבראטען פלייש, א קופע מענשען פלייש.

קאליוזשנע שווייגט א ווייל און גיט צו:

– הלואי וואלט מען אונז געווען תיכף געהרג'עט. אלטע, יונגע, רייכע, ארעמע, מ'האט „אויסגעראמט" די גאס. א לעהרער, וועלכער האט זיך אפגעזאגט צו געהן, איז דער'הרג'ט געווארען אויפ'ן פלאץ.-מיין זוהן, א בחור פון 23, איז געפאלען ביים באראק, פאר מיינע אויגען. איך האב זיך ארונטערגערוקט אונטער דער פאדלאגע און בין נצול געווארען.

– איך בין דערנאך ארויס פון מיין בעהעלטעניש; כ'האב געזעהען א לעבעדיג קינד אין די ארעמס פון א טויטער מאמע, פער'שרפ'טע קעפ פון קינדער;

איך פערשרייב אין מיין ביכעלע, קאליוזשנע נעמט מיך אן ביי דער האנד און זאגט:

– וועגען אזעלכע רציחות דארף מען נישט אויפהערען צו שרייבען אויף דער גאנצער וועלט.

און קרעכצענדיג האט ער זיך צוריק גענומען צו דעם שמיר בערשטעל.

נישט ווייט שטעהט א יודענע אין פענסטער און זינגט. זי הייסט פרוי גאבער, איז אלט 67 יאהר, און איז פון דענסטמאל אן צודרעהט.

– באבע גאבער, דערצעהלט ווי מען האט אייך געבראכט אין באראק?

– אי, אי, אזוינע כוליגאנעס... מע האט מיך געשלעפט און בשעת מעשה, אריינגעשאסען א קויל אין פיס אריין, מ'האט מיך דערנאך געטראגען צום באראק. מ'האט זיך דארט געשלאגען פאר א פלאץ, דערנאך האט דער באראק אפגעברענט, מ'האט געוואלט ארויס, האט מען געשלאגען. אזוי האט מען געשריען, אלע האבען געברענט, אוי א ריח, א ריח.

זי האט הכנעה'דיג ארפגעלאזט דעם קאפ:

– שפעטער איז דער רב געקומען און האט געזאגט קריש ביים פערברענטען באראק

רעדאקציאנס-קאלעגיום:
מ. בראדעריזאהן, ל. בראנט, ח. י. ברוסטאווסקי, ב. זינגער
פעראנטווארטל. רעד.: ח. קויפמאן.
ארויסגעבער: פערלאג „נייער פאלקסבלאט", פראדוציר-קאאפעראטיווע מיט פאי-האפטונג.

„די שווארצע כריזאנטעמע".

עקזאטישער ראמאן. (22

– מיר זענען געקומען – האט געזאגט מיסטער וועלינגס – מיט דער ביטע צו ענדערען די בעדינגונגען פון דועל, וואס איהר האט פארגעלעגט. איך מוז אייך מעלדען, הער דאקטאר, אז דער פרינץ האלט אויף פיסטאלעטען פאר נישט-גענוג ערענסט און איך וואלט אייך געבעטען, איהר זאלט איינגעהן צו שלאגען זיך אויף שפאגעס

– איך שליס זיך אן אין דער ביטע פון מיין חשוב'ען קאלעגע; – האט געזאגט דער וויקאנט יאקא.

– מיינע הערען, מיין גאנץ לעבען האב איך זיך דועלירט מיט קאלט געוועהר, וואס איך בעהערש אזוי אויסגעצייכענט, אז אננעהמענדיג אזעלכע בעדינגונגען, האב איך שוין געוויסענס ביסען פאר דעם אונפערמיידליכען סוף.

– דאס איז זעהר גרויספמוטיג פון אייער זייט, און איך פיהל אין אייך אג'עכטען דזשענטעלמען! – האט מיט א לייכטער פערנויגונג געזאגט מיסטער וועלינגס – דערפילענדיג אבער מיין שליחות, וועל איך זיך, פונדעסטוועגען, דערלויבען צו בלייבען ביי מיין ביטע.

– ס'איז א גרויסער שאד, מיינע הערען. אויף מיין נעוויסען האב איך שוין צוויי טויט-רעזולטאטען, און אין דעם פאל וואלט איך בשום אופן נישט געוואלט דערגרייכען א קאטאסטראפאלען אויסגאנג. אויב איהר זענט בעקאנט מיט דער קונסט פון פעכטען, פערשטעהט איהר דאך שוין ממילא ס'ארא ראליע עס קאן שפילען מיין וואוקס און פיזישע קראפט...

דער וויקאנט האט א שמייכעל געטון.

– איהר וועט דערלויבען, הער דאקטאר צו אנווייזען אייך אויף א סך ביישפילען, ווען שטארקע און געניטע קעמפער זענען געשלאגען און בעזיגט געווארען פון שוואכערע...

מען האט נאך לענגער געשמועסט און אונטערהאנדעלט וועגען דעם אופן פון דועל, און לסוף איז מען מושוה-געווארען אויף דעם דאקטארס פארשלאג, ד. ה. אז נישט ער זאל שיסען דער ערשטער, ווי עס קומט איהם, נאר ביידע זאלען אויסשיסען גלייכצייטיג.

דעם דאקטארס סעקונדאנטען זענען געווען אונצופרידען.

– אלוא, מארגען, 8 פריה הינטערן היפאדראם אין בולאנער וואלד! – האט דער דאקטאר לעווי אפגעמאכט.

דער פרינץ'ס סעקונדאנטען זענען אוועק, און דעם דאקטאר'ס זענען נאך א ווייל געבליבען.

– איך וואלט דיר געראטען, – האט זיך קאמענעצקי געווענדעט צו איהם – אז דו זאלסט דעם היינטיגען טאג רוהיג פערברענגען, און זאלסט זיך פריהער לעגען שלאפען. איינס א זייגער וועלען מיר ווארטען אויף דיר ביי פאיאר'ן אויף פריה שטיק.

– א דאנק, איך וועל זיין. דערווייל דאנק איך אייך, מיינע פריינד, פאר דער גרייטקייט צו זיין מיינע סעקונדאנטען – האט ער געזאגט, אויסשטרעקענדיג צו זיי די הענד.

– אך, עדמונד, עדמונד! ס'איז מיר א רחמנות אויף דיר ווייטער האט זיך ביי דיר פערקניפט א ראמאן! האסט געטון א נארישקייט, וואס דו ביזט נישט מסכים געווען צו דועלירען זיך אויף שפאגעס. וואלסט דאך מאמענטאל געעפענט איהם זיין ברוסט קעסטעל, אדער געמאכט איהם אזא כאראקירי אין בויך, אז ער וואלט תיכף דערזעהן זיין אויפגעהענדע זון אין דער נאטורעלער גרויס, און זיין באבען פון יענער וועלט!..

דער דאקטאר לעווי האט דערויף גארנישט געענטפערט.

– אלזא, טרעפען מיר זיך איינס א זייגער ביי'ם פריהשטיק!

ווי נאר די סעקונדאנטען זיינע זענען ארויס, האט ער זיך אוועקגעאיילט אין זיין שלאף-צימער.

כריזאנטא איז דארט געשטאנען לע'ן פענסטער, און פערטראכט ארויסגעקוקט אויף'ן טומעלדיגען המון. זי האט אפילו נישט בעמערקט, ווי דער דאקטאר איז אריין.

– איך האב אלץ געהערט, און איך דאנק דיר נאך אמאל פאר דיין ליבענסווירדיגקייט. איצט פערשטעה איך וועגען וואס די סעקונדאנטען האבען גערעדט. – האט זי געזאגט – איך ווער א פערציטערטע פאר ספקות, טייערער מיינער! מיין ברודער איז א שלעכטער מענש, און איך האב מורא, אז ער טראגט זיך ארום מיט עפיס א מיאוס'ן פלאן. איך ווייס, פערשטעהט זיך, נישט, וואס עס קאן איהם דא איינפאלען, נאר אין טאקיא, געדענק איך, האט זיך דער פרינץ אריקאנא געשלאגען אויף שפאגעס מיט אנ'ענגלענדער, און שטעל זיך פאר, אז דער ענגלענדער איז, בעקומענדיג א לייכטע וואונד אין האנד, געשטארבען אויפ'ן צווייטען טאג. די דאקטוירים האבען געזאגט, אז – פון א בלוט-פערגיפטונג.

– מיט קוילען, מיין טייערע, קאן עס נישט זיין. די סעקונדאנטען קאנטראלירען געוועהנליך פריהער סיי די פיסטאלעטען סיי די קוילען.

– און מיין טאליסמאן? – האט זיך כריזאנטא א פרעג געטון מיט א שמייכעל.

– אט א איז ער! האט געזאגט דער דאקטאר, ארויסנעהמענדיג פון א וועסטעל-קעשענע דעם אמעטיסט.

– פערגעס איהם נישט אנצוטון אויפ'ן האלז: ער וועט דיך אפהיטען פון אלדאס בייז! האט כריזאנטא ערנסט געזאגט.

– כריזאנטא, זאג מיר נאך א מאל פערזיכער מיר, אז דו וועסט אייביג זיין מיינע, אויף מיין גאנצען לעבען, און ביי אלע בעדינגונגען, ביי אלע אויסערגעוועהנליכע צופאלען און פאלען!

– האט ארויסגעשעפטשעט דער דאקטאר, שטארק בעטאנענדיג דאס ווארט „מיינע".

– אויב איך וועל בלייבען לעבען – האט ער פארטגעזעצט – וועל איך זיך קיינמאל נישט שיידען מיט דיר, און דו וועסט נישט האבען קיין עגמת נפש דערפון.

כריזאנטא האט זיך איהם א ווארף געטון אויפ'ן האלז, און זייערע ליפען האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין א הייסען קוש.

9.

אין דערווארטונג.

דעם דאקטאר לעווי האט געצויגען אין „גראנד-האטעל".

ער האט געהאט א שטיקעל האפענונג, אז אין ערגיץ, לע'ם האטעל וועט ער טרעפען כריזאנטא'ן.

צוקומענדיג צום קאפוצינער-בולוואר האט ער זיך פלוצים פנים אל פנים בעגעגענט מיט דעם מיסטער וועלינגס.

– איהר וועט ערלויבען?... – האט איהם וועלינגס אפגעשטעלט.

דער דאקטאר האט קיין שום חשק נישט געהאט צו אריינלאזען זיך אין שמועסען מיט'ן ענגלענדער, און ער איז געבליבען שטעהן, א פרעג-טוענדיג טרוקען:

– איהר ווילט מיך, דאכט זיך, וועגען עפיס פרעגען, מיסטער?

– יא, ה' דאקטאר. ס'איז נישט סתם קיין נייגעריגקייט, אויב איך פרעג אייך וועגען דער סיבה פון דער געגענזייטיגער פערביטערונג צווישען אייך און דעם פרינץ.

– ענטשולדיגט, מיסטער וועלינגס, אבער פון מיין זייט איז נישטא קיין סימן פון פערביטערונג אייך איז גוט בעקאנט, אז נישט איך האב דעם פרינץ ארויסגערופען אויף א דועל, נאר ער מיך!

– איך ווייס דאס, נאר איך האב געהערט אין קלוב, אז איהר זענט א בעקאנטער שיסער, וואס טרעפט אין דעם קלענסטען ציל אויף א שטח פון הונדערט שריט...

– נו, איז וואס דערפון געדרונגען?

(פארטזעצונג קומט)

Kino „IMPERIAL"
זאַכאַרניאַ, רוג זאַוואַדזקאַ.

היינט און פאָלגענדע טעג!
גרויסער מאָנומענטאַלער פילם
„די הײַנטיגסטע אהן כרוינטן"

M. MAXUDIAN, KAROL FONEL, IZABELLA ELSON

גרויסע דראַמע אין 10 אַקטען. — אין די הויפּט-ראָלן:
אויסער'ן פּראָגראַם ??? אָנהויב אין נעוו. טעג 2 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג — 1 אַ זייגער. לעצטער סעאַנס — 10 אין אָוונט. די קאַסע איז אָפן פון 12 אַ זייגער מיטאָג

Czopki Hemorojdalne Gąseckiego
(מיט'ן העהנדעל) בעזייטיגען וועהטאָג, ברענונג, בײַסעניש, פאַרקלענערן געשווירען.
עס פערקויפען די אַפּטייקען. 1462

טליתים-פאַבריק
איבערבעטונג פון וואָלענע, האַלב-וואָלענע זײַדענע טליתים פון פערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטייל! מיט אויספערטיגונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניעם און ציצית
צו בעקומען בילינער ווי איבעראַל
ביי א. ה. ציטרינאָווסקי, קאַמיענאַ 1.
זין צחייטען פויער, פאַרטער, קומט און איבערציינט אייך! 298
בעמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צו וואַשען.

ל עטשניצע פון דאָקטוירים און ספּעציאַליסטען
בזשעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונט

ד"ר וואָליניסקי	נאָז, האַלז, אויערן-קר.	4—3
ד"ר הערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	12—8½ 5—4
ד"ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	1—11 6—5
ד"ר לובימאַש	הויט-און געשלעכט קר.	2—12
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גײַסטיגע קר.	3—1
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	2—12.30
ד"ר פּליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	— 1
ד"ר בערנשטיין	פרויען און געבורטס-הילף	4—3

פּסיכאָ-טעראַפּיע, ספּער ד-שטראַלען, הי ספּעצלען א. ז. ח. פּאַקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג, אָנ-שפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אַפּעראַציעס. אויף פערלאַנג — וויזיטען אין שטוב. — אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אוריך פּלעגמע און בלוט. 2120
אימפּונגען געגען שאַרלאַכין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
דענטיסטישער קאַבינעט
עם נאַהענען אַז:

ד"ר זילבערשטיין	צאָהן-ארצט	10 2 נ"מ.
ד"ר לאַזשינסקאַ סטאַראָפּאָלסקאַ	צאָהן-ארצט	7—3

קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבען א. ז. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

שייטלען
גוטע אויסאַרבייטונג, רעעלע בעהאַנדלונג. צו בעקומען קאַמיענאַ 5, 2-טען הויף לעצטען איינגאַנג, 2-טען שטאָק ביי בצלאל פאַרושוצקי.

עד מתי עצל תשכב?
ווי לאַנג וועסטו וואַרטען מיט דײַנע איצטיגע און פאַר-מלחמה'דיגע וועקסלען?
מתי תקום משנתך?
ווען וועסטו קומען אין ביוראָ
17 פּעטריקאָווער 17
2-טען הויף, פאַרטער, דורכגאַנג זאַכאַדניאַ 52, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס לויט'ן אוסטאַוו, קלאַגען, ואַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אַדוואָלאַציעס, רעקורסען, וועגען פּעסער אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו, ביטעס וועגען דירה אין אגזשאָגר ראָזיעמטשי און אין אַלע פּאָליציי-בעצירקען, שותפות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראָווינעס, קאָרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
רעכט-קאָנסולענט י. מאַנעלאַ,
פּעטריקאָווער 17, זאַכאַדניאַ 52
שנעל, רעעל און ביליג!

R. GRABOWIECKI, ŁÓDŹ
Piotrkowska 59, tel. 44-83 -- Egz. od 1895 r,
פאַבריק פון רייזע-קופערס
קאָלעקציאָן-קופערס און פערשידענע לעדער-גאַלאַנטעריע ווי טעקעס און דאַמען-טאַשען. עס ווערען אויך אָנגענומען פערשידענע בעשטעלונגען אויף מוסטער-קאָלעקציאָנען און ווערען אויסגעפערטיגט אין פערלויף פון 6 שעה גרעסערע בעשטעלונגען אין משך פון א טאָג.
רעעל! צוגענגליכע פּרייזען! ביליג!

נייע שטאַרקענדע מיטלען
בעווייזען זיך און גלייך פערשוואונדען זיי. דאַנגען
„Scotta Emulsja Tranowa"
האָט זיך זייט 53 יאָהר ערוואָרבען די גרעסטע אָנערקענונג אין אַלע לענדער. די ענטהאַלט וויטאַמינען, קאַלך ווי אויך היפּאָפאָספיטען צו שטאַרקען די ביינער, קערפּער און אויפצוהאַלטען פרישקייט פון גייסט. :---: נאָר ס'מוז זיין עכטע „Scotta Emulsja tranowa" וועלכע מען קען בעקומען אין יעדער אַפּטייק און אין יעדען אַפּטייק-סקלאַד. די פּרייזען זענען פערקלענערט מיט 15%. 928

פאַדערט איבעראַל
נאָר פּאַטענטירטע
פעלד-בעטען
פּראָדוצירען מיט דער פאַבריקס-מאַרקע
PALMA-PATENT
פאַר וועלכע מיר גאַראַנטירען.
אויך שטעלט אויף לאַגער אין א גרויסען אויסוואַהל: ניקעל-בעטען, קינדער-בעטען, מאַטראַצען, קינדער-וועגעלעך, שעסלאָנגען און געבעטע מאַטראַצען.
ביליגסטע פּרייזען: רעעלסטע בעהאַנדלונג! ביליגסטע פּרייזען!
לאָדז, פּולנאָצנאַ 24.

א שותּף
יוערט געזוכט מיט 500 דאָלאַר צו אַן'איינגעפיהרט אייזען-געשעפט. צו ערפאַהרען פאַביאַניצער שאָסע 38. 927

מיט'ן ראַדאָשיצער רבי'ן איז מיטצוקומען דער פעלדשער
שמואל
דרעש
וואוינט: לוטאָמירקאַ 4 926

Dr. med.
W. Eychner
פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע
זיך איבערגעצויגן אויף זגערזשער 11 טעל. 34-72
נעמט אָן אין דער לעטשניצע פּעטריקאָווער 294 פון 12—2 מיטאָג אין דער היים פון 6-8 אָוו.

Dr. Z.
Rakowski
ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז, און לונגען-קראַנקהייטען.
קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9
טעלעפאָן 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12 ביז 2 און פון 5 ביז 7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3 נ.מ.

Akuszerka
E. Sklarowa
זיעלאָנאַ 47, וו. 18
געבורטס-הילף פּריוואַט און פאַר מיטגלידער פון דער קראַנקען-קאַסע. 306

— ד"ר —
י. הערשפינקעל
Zawadzka 15,
telefon 11-87
— — ספּעציאַליסט פאַר — —
קינדער - קראַנקהייטען.
נעמט אָן אינדערהיים פון 8—10 פריה און פון 3—5 נאָכמיטאָג און אין לעטשניצע „פּאָמאָץ".

Dr. med. Ludwik
Rapeport
Pr. Narutowicza 25
(Dzielna) tel. 44-10.
ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָזען און האַרן - קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 4 ביז 7 אָוונט.

Dr. med.
L. Pikielny
ספּעציאַל-ארצט, פאַר נירען, בלאָזען און האַרן - קראַנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
עמפּפאַנגט פון 4—7 אָוו. 541

הײַלפּעדאַגאָגישע קורסען
פאַר שוואַכבעפעהיגטע און שווערערציהבאַרע קינדער. שפּראַכשטערונגען (שטאָטלען, טויבשטומהייט)
Dr. med. A. Szmirgeld
נערווען - ארצט.
עלעקטריזאַציעס, ליכטהייל-אַפּאַראַטען.
CEGIELNIANA 6,
tel. 51-89
עמפּפאַנגט פון 5 — 7 אָוונט.

Dr. med.
Braun
פּאָלודניאָוואַ 23
טעלעפאָן 40-26
ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע.
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האַל-אויספאַל)
נעמט אָן פון 9—12 פריה און פון 5 — 8 אָוונט

א קאָפּעקע'וויש-פּרעס
4 האַלבע הידראַלישע אויף קייטען אין בעסטען צושטאַנד איז צוליב אַבריייזע ביליג צו פערקויפען. צו ערפאַהרען ביי ל. שוואַרצבערג, משטשאָנטשאַוו, סטראָזשאַצקאַ 8. 925

א שפּילקע
איז געפונען געוואָרען אויפ'ן מאַסקען-באַל אין „גראַנד-קינאָ". אָפּצונעהמען אין אַדמיניסטראַציע געגען סימנים און אַנאָנס-קאָסטען. 930

אכטונג אכטונג
ה"ה פריזערס!
הענניש וואַסער 4.25 זל. א קילאָ.
בלומען-וואַסער 4.25 זל. א קילאָ.
וועשעטאַל 3.50 זל. א קילאָ.
ראַזיר-זייף Pixin 7.80 זל. א קילאָ
אַלץ בעקומט איהר אַמביליגסטען נור אין דער
פּערפומעריע פון
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11

פערקויפט נישט אײַערע דיוואַנעס
44 מעבעל 44
פעלצען, ניי-מאַשינען סאַמאָווארען א. אז. וו. בעפאָר איהר איבערציינט אייך נישט ביי די פירמע
44 Ch. ŁAZNIK 44
גדאַנסקאַ (דלוגאַ)
בעמערקונג: ביי מיר איז שטענדיג אויף לאַגער פערשידען
מעבעל, שיין! גוט! און ביליג!

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַפּאָוסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	11-10 3-2 7½—6½
ד"ר רוזשאַנער	הויט-און געשלעכט-קר.	11—10 2—1
ד"ר גאָלדשטיין-פּאַראַק	אויגען-קראַנקהייטען	2-1 8-7
ד"ר יוספּמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	2—12
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	12-10 5-4
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען-און געבורטס-הילף	1-11½ 6-5
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	4-3 2-1.1
ד"ר וויינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	1-11 7-5½
ד"ר סטופּעל	רענטגען	6-4 12-10
א. גראָדזענטשיק	צאָהן-ארצט	7—3
נ. ראָזעס	צאָהן-ארצט	2—9

צאָהן-פּלאָמבירונג, בעלייכטונגען, קראָנען, מאָסטען, א. א. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלײַכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, לעקטריזאַציע, אַלע בעגלייכע אַנאַליזען. א קורס פאַר מאַמלער.
אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג
וויזיט אין דער שטאָט.

אַבאָנאַמענט-פּרייז: אין לאָדז: א חודש — 5 זלאָטעס, — אויף דער פּראָווינץ: א חודש — 6 זלאָטעס, אין אויסלאַנד מיט 50 פּראָצענט טייערער. — פאַר'ן אינהאַלט און טערמין פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך די אַדמיניסטראַציע איז אָפען ביי טאָג און ביינאַכט.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַרן טעקסט 15 גראָשען, פרייטאָג 20 גראָשען, אין טעקסט 40 גר., פרייטאָג 60 גראָשען, נאָכ'ן טעקסט 10 גראָשען, פרייטאָג 15 גראָשען. — פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100 פּראָצענט טייערער. אויסער דער שטאָט — 50 פּראָצענט טייערער.
פאַר א מילימעטער - שורה.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.